בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַּאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה

תשפ"א

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול**
**ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די**
**אידישע שטוב**
**212-444-9169**

**חיזוק יומי**

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

דַארְף מֶען מַקְפִּיד זַיין צוּ לֶערְנֶען גְמָרָא נָאר אוֹיפְ'ן צוּרַת הַדַף?..........................................................................א

וָואס דַארְף מֶען אִינְזִין הָאבְּן בַּיי דִי עֶרְשְׁטֶע פָּסוּק פוּן קְרִיאַת שְׁמַע?..........................................................ב

וָואס מֵיינְט זִיךְ מִתְוַדֶה זַיין פַאר אַ תַּלְמִיד חָכָם?...............ד

וִוי אַזוֹי מַאכְט מֶען אַז אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה זָאל נִישְׁט שְׁטֶערְן דָאס לֶעבְּן?...................................................ו

וִוי אַזוֹי דֶערְהַאלְט מֶען זִיךְ בִּיז מֶען בַּאקוּמְט דִי יְשׁוּעָה?.....ט

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

מַסֶכֶת תַּעֲנִית הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל.............................א

אַז דַיין וַוייבּ וֵויינְט, זָאלְסְטוּ אִיר אוֹיסְהֶערְן אוּן בַּארוּאִיגְן...ב

בְּעֶטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ פָאלְגְן טַאטֶע מַאמֶע מִיט שִׂמְחָה.ג

וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן אַייךְ, אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע הֲפָּצָה...............ג

וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּפוּצְן פַאלְשֶׁע צֵיין אוּם שַׁבָּת.......................ה

חַזֶר'ן הֲלָכוֹת אָן אַ שִׁיעוּר מָאל.........................................ו

לֶערְנֶען אַ מַסֶכְתָּא הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל..........................ו

נֶעם נָאר אַ מוֹהֵל וָואס אִיז אַ גְרוֹיסֶער מוּמְחֶה........................ז

אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אִיז נָאר צוּ זֶען צוּ וֶועם דֶער
מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ וֶוענְדְן.......................................................ח

לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם אוּן זוּכְן גוּטְס אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן אִיז דִי
שֶׁענְסְטֶע זַאךְ.......................................................יב

פּוּרִים אִיז גְרֶעסֶער פוּן יוֹם כִּיפּוּר..............................יד

טַעֲנָה זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ.............................. טז

דַיין וַוייבּ זָאל זַיין בַּיי דִיר נוּמֶער אֵיינְס.........................יז

רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ.......................................................יח

תִּיקוּן הַכְּלָלִי מֶעקְט אָפּ דִי עֲבֵירָה.............................. יט

אַ תַּקָנָה אַז מֶען דַארְף הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת.............................. יט

אוֹיבּ אִיר שְׁפִּירְט אַז אִיר דַארְפְּט גֵיין צוּ טֶערֶעפִּי,
קֶענְט אִיר גֵיין.......................................................כ

מֶען טוּט טוֹבוֹת פַאר יֶעדְן, נָאר נִישְׁט פַאר דִי אֵייגֶענֶע
מִשְׁפָּחָה.......................................................כא

דֶער וָואס הָאט שָׁלוֹם בַּיִת, אִיז אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס....כב

נִישְׁט זוּכְן חֶסְרוֹנוֹת.......................................................כב

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## דַארְף מֶען מַקְפִּיד זַיין צוּ לֶערְנֶען גְּמָרָא נָאר אוֹיפְ׳ן צוּרַת הַדַף?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה אִין זְכוּת פוּנֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (כַּמְּבֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אוּן אִין זְכוּת פוּן אַייעֶרע דְרָשׁוֹת.

אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט אַז וֶוען אִיךְ לֶערְן אִין דִי גְּמָרוֹת פוּן אַרְטְסְקְרוֹל וְכַדוֹמֶה - הָאבּ אִיךְ אַ גְרֶעסֶערֶע סִיפּוּק אוּן חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען, עֶס הָאט אָבֶער אַ חִסָרוֹן אַז עֶס אִיז נִישְׁט אוֹיפְ'ן צוּרַת הַדַף.

ווִיל אִיךְ ווִיסְן וָואס אִיז עֶנְדֶערְשׁ, צוּ מַקְפִּיד זַיין צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן צוּרַת הַדַף, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ לֶערְנֶען אוֹיף אַ וֶועג וָואס גֶעבְּט מִיר מֶער חֵשֶׁק אוּן הַנָאָה אִין דָאס לֶערְנֶען?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ד׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם צוּ לֶערְנֶען אִין דִי גְּמָרוֹת מַהֲדוּרַת שׁוֹטְנְשְׁטַיין; אַדְרַבָּה, אַז מֶען לֶערְנְט אִין דִי גְּמָרָא קֶען מֶען זֵייעֶר גוּט פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ אִיז, אַז עֶס גֵייט נִישְׁט

אוֹיפְ'ן צוּרַת הַדַּף אוּן וֶוער עֶס וִויל גֶעדֶענְקֶען דִי גְמָרָא אוֹיפְ'ן צוּרַת הַדַּף וֶועט עֶס אִים זַיין שְׁוֶוער, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם צוּ לֶערְנֶען דֶערִין.

שְׁטַארְק זִיךְ, לֶערְן אַסַאךְ גְמָרָא. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַז גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט דִי קְלִיפּוֹת, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ 'לִילִית'", תַּלְמוּד בַּאטְרֶעפְט אַזוֹי וִוי דִי קְלִיפָּה וָואס וַוארְפְט אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, תַּלְמוּ"ד בַּאטְרֶעפְט פִיר הוּנְדֶערְט אַכְצִיג אוּן דִי קְלִיפָּה לִילִי"ת בַּאטְרֶעפְט אוֹיךְ פִיר הוּנְדֶערְט אַכְצִיג, "עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", אַז מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה.

דָאס אִיז דֶער עִיקָר וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט, מֶען זָאל לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען. עֶס אִיז דָא אַ בְּרִיוו וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט פַאר זַיין אֵיידֶעם רֶבִּי יוֹסְקָא (מִכְתְּבֵי רַבֵּינוּ ז"ל בִּתְחִלַּת סֵפֶר עָלִים לִתְרוּפָה, מִכְתָּב ב. וְעַיֵּן שָׁם, מִכְתָּב ז): "בַּקָּשָׁתִי מֵאֲהוּבִי חֲתָנִי, שֶׁתִּלְמַד בְּכָל יוֹם שִׁיעוּר גְמָרָא וּפוֹסֵק, שֶׁלֹּא תַּעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מִטָּפֵל עִיקָר, רַק אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְכוּ', כִּי זֶה כָּל הָאָדָם", אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר מַיין טַייעֶרֶער אֵיידֶעם, שְׁרַייבּ מִיר צוּרִיק וִויפִיל בְּלַאט גְמָרָא דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג אוּן וִויפִיל בְּלַאט הֲלָכָה דוּ לֶערְנְסְט; מַאךְ נִישְׁט פוּן טָפֵל עִיקָר אוּן פוּן עִיקָר טָפֵל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס דַארְף מֶען אִינְזִין הָאבְּן בַּיי דִי עֶרְשְׁטֶע פָּסוּק פוּן קְרִיאַת שְׁמַע?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַזוֹי דַאנְקְבַּאר אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א נֶעמְט אַרָאפּ פוּן דִי טַייעֶרֶע צַייט צוּ עֶנְטְפֶערְן אַזוֹיפִיל שְׁאֵלוֹת אוּן שְׁרַייבְּן אַזוֹיפִיל בְּרִיוו. אִיךְ לֵיין דִי בְּרִיוו יֶעדֶע וָואךְ

און עֶס גֶעבְּט מִיר אַזוֹיפִיל שֵׂכֶל און הַדְרָכָה אִין לֶעבְּן.

אִיךְ וויל וויסְן דִי כַּוָּנוֹת וָואס מֶען דַארְף אִינְזִין הָאבְּן וֶוען מֶען לֵיינְט דִי עֶרְשְׁטֶע פָּסוּק פוּן קְרִיאַת שְׁמַע? אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעמִישְׁט אִין דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ו' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרַט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי מִצְוָה פוּן קְרִיאַת שְׁמַע אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא קְדוֹשִׁים, ו): "לֹא תְּהֵא קְרִיאַת שְׁמַע קַלָּה בְּעֵינֶיךָ, מִפְּנֵי שֶׁיֵּשׁ בָּהּ מָאתַיִם וְאַרְבָּעִים וּשְׁמוֹנֶה תֵּבוֹת כְּמִנְיַן אֵיבָרִים שֶׁבָּאָדָם", קְרִיאַת שְׁמַע הָאט אִין זִיךְ צְוֵויי הוּנְדֶערְט אַכְט און פֶערְצִיג ווערְטֶער, דִי זֶעלְבֶּע אִין צָאל וויפִיל אֵבָרִים אַ מֶענְטְשׁ הָאט, "אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אִם שָׁמַרְתָּ אֶת שֶׁלִּי לִקְרוֹת קְרִיאַת שְׁמַע כְּתִקְנָהּ, אֲנִי אֶשְׁמֹר אֶת שֶׁלְּךָ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אוֹיבּ דוּ לֵיינְסְט קְרִיאַת שְׁמַע אַזוֹי ווִי דִי הֲלָכָה זָאגְט - וֶועל אִיךְ הִיטְן אַלֶע דַיינֶע אֵבָרִים; זֶעט מֶען ווִי חָשׁוּב דִי מִצְוָה פוּן קְרִיאַת שְׁמַע אִיז, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לֵיינְט עֶרְלִיךְ קְרִיאַת שְׁמַע.

וֶוען מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע אִיז מֶען מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם; דָאס מֵיינְט 'אִיךְ גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְזֶער גָאט פִירְט דִי וֶועלְט, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן'. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת יג.): "לָמָּה קָדְמָה שְׁמַע לִוְהָיָה אִם שָׁמֹעַ", פַארְוָואס לֵיינְט מֶען צוּם עֶרְשְׁט שְׁמַע יִשְׂרָאֵל און דֶערְנָאךְ וְהָיָה אִם שָׁמוֹעַ? "אֶלָּא כְּדֵי שֶׁיְּקַבֵּל עָלָיו עֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם תְּחִלָּה", נָאר צוּם עֶרְשְׁט דַארְף מֶען מְקַבֵּל זַיין אוֹיף זִיךְ צוּ גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, עֶר אִיז אַלֶעס און עֶר טוּט אַלֶעס, "וְאַחַר כָּךְ יְקַבֵּל עָלָיו עֹל מִצְוֹת", עֶרְשְׁט שְׁפֶּעטֶער קֶען מֶען נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ קַבָּלַת הַמִּצְוֹת.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ סוֹדוֹת עֶס לִיגְט אִין דִי

ווערטער פון קְרִיאַת שְׁמַע, וואס עס פַּאסִירְט אין אַלֶע וועלְטְן ווען מען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע. מִיר דַארְפְן אִינְזִין הָאבְּן דִי טַייטְשׁ פון דִי ווערטער: "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל", הֶער צוּ אִיד - דָאס מֵיינְט מען זִיךְ אַלֵיינְס, "ה' אֱלֹקֵינוּ", דער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוּנְזֶער גָאט, "ה' אֶחָד", דער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אֵיינֶער אַלֵיינְס, אוֹיף דִי וועלט און אוֹיף אַלֶע זִיבְּן וועלְטְן; דָאס אִיז קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם, מען גְלֵייבְּט אַז דער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעס און אַלֶעס אִיז עֶר.

דער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וָואס מֵיינְט זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין פַאר אַ תַּלְמִיד חָכָם?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִין אַייעֶר זְכוּת בִּין אִיךְ זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה אִיבֶּער דֶעם וָואס דער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אַז מען דַארְף זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין פַאר אַ תַּלְמִיד חָכָם, דָאס מֵיינְט זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין בַּיים צִיּוּן פון הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן? אָדֶער מֵיינְט דָאס בְּפַשְׁטוּת צוּצוּגֵיין צוּ אַ צַדִּיק און אַ תַּלְמִיד חָכָם וָואס לֶעבְּט און זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין פַאר אִים? און אוֹיבּ מֵיינְט עס דִי צְווֵייטֶע פְּשַׁט, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ ווִיסְן ווער עס אִיז דער אֱמֶת'עֶר צַדִּיק צוּ ווֶעמֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ו' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען וָואס טוּט זִיךְ אָפּ ווען מען זִינְדִיגְט, מען טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן; דִי עֲבֵירוֹת ווערְן אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין דִי בֵּיינֶער. אַזוֹי ווִי דער נָבִיא זָאגְט (יְחֶזְקֵאל לב, כז): "וַתְּהִי עֲוֹנֹתָם עַל עַצְמוֹתָם",

ענְקֶערֶע עֲבֵירוֹת זֶענֶען אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין דִי בֵּיינֶער, אוּן דָאס הַרְגְ'עֶט דֶעם מֶענְטְשׁ הַשֵּׁם יְרַחֵם, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים לד, כב): "תְּמוֹתֵת רָשָׁע רָעָה", דָאס שְׁלֶעכְטְס הַרְגְ'עֶט דֶעם רָשָׁע; וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דִי עֲבֵירוֹת פוּן דִי בֵּיינֶער? דוּרְךְ וִודּוּי דְבָרִים, אַז מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן - דוּרְךְ דֶעם גֵייעֶן אַרוֹיס אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּן דִי בֵּיינֶער.

דָאס אִיז דִי מִצְוָה פוּן תְּשׁוּבָה, מֶען זָאל זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין פַארְ'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַזוֹי וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט (רַמְבַּ"ם פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, הֲלָכָה א), יֶעדֶע מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה, סַיי אַ מִצְוַת עֲשֵׂה אוּן סַיי אַ מִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה, אוֹיבּ מֶען הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי מִצְוֹת, סַיי בְּשׁוֹגֵג סַיי בְּמֵזִיד - דַארְף מֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי דִי תּוֹרָה זָאגְט (בַּמִּדְבָּר ה, ז): "וְהִתְוַדּוּ אֶת חַטָּאתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ", וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה? זָאגְט דֶער רַמְבַּ"ם, מֶען זָאל אַזוֹי זָאגְן: "אָנָּא הַשֵּׁם חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ וְעָשִׂיתִי כָּךְ וָכָךְ וַהֲרֵי נִחַמְתִּי וּבוֹשְׁתִּי בְּמַעֲשַׂי, וּלְעוֹלָם אֵינִי חוֹזֵר לְדָבָר זֶה", אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט פַאר דִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דִי אוּן דִי עֲבֵירָה, אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ מִיט מַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ נֶעם זִיךְ פָּאר אַז אִיךְ גֵיי עֶס מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן; דָאס אִיז וִודּוּי, אוּן דֶער רַמְבַּ"ם פִּירְט אוֹיס: "וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת וּמַאֲרִיךְ בְּעִנְיָן זֶה, הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח", וֶוער עֶס פַארְמֶערְט זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אִיז גֶעלוֹיבְּט.

אִין אָנְהֵייבּ אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טוּן; עֶס אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ מֶען זָאל צוּקוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה זִיךְ צוּ קֶענֶען עֶפֶענֶען פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן אוּן נִישְׁט פַארְהוֹילְן קַיין שׁוּם זַאךְ; ווַייל וֶוען מֶען זִינְדִיגְט בַּאשַׁאפְט מֶען קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים וָואס זֵיי מַאכְן דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן דַאכְטְן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז, מֶען הֵייבְּט אָן הָאבְּן סְפֵיקוֹת אִין דִי אֱמוּנָה, עֶס וֶוערְט שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער נָבִיא זָאגְט (יְשַׁעְיָה נט, ב): "כִּי אִם עֲוֹנֹתֵיכֶם הָיוּ מַבְדִּלִים בֵּינֵכֶם לְבֵין אֱלֹקֵיכֶם",

ענְקֶערֶע עֲבֵירוֹת מַאכְן אַ צְוִוישְׁנְשֵׁייד צְווִישְׁן אַייךְ אִינֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי, כְּדֵי דִי עֲבֵירוֹת זָאלְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי בֵּיינֶער – דַארְף מֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין פַאר אַ תַּלְמִיד חָכָם; דָאס אִיז גְרִינְגֶער פַארְ'ן מֶענְטְשׁ צוּ טוּן, אוּן וֶוען עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַארְ'ן אֱמֶת'ן צַדִיק אִיז דָאס אַזוֹי וִוי עֶר רֶעדְט יֶעצְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווַייל דֶער צַדִיק אִיז דָאךְ בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זִיצְט טָאג אוּן נַאכְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֶער וָואס דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּ מִיר", בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ קֶענֶען דָאס אַלֶעס דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס מֵיינְט בֵּיידֶע; וֶוען מֶען גֵייט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן אוּן מֶען אִיז זִיךְ דָארְט מִתְוַדֶּה, מֶען דֶערְצֵיילְט אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן – דָאס אִיז אֵיין וֶועג פוּן וִדּוּי דְבָרִים פַאר אַ תַּלְמִיד חָכָם, דוּרְךְ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַלֶע תִּיקוּנִים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ד) אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען זוּכְן אַ תַּלְמִיד חָכָם אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן אִים דֶערְצֵיילְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן; ווָאוּיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ מְקוּרָב וֶוערְן צוּ אַ צַדִיק וָואס אִיז בָּטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ צַדִיק וָואס אִיז נִכְלָל אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי מַאכְט מֶען אַז אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה זָאל נִישְׁט שְׁטֶערְן דָאס לֶעבְן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס אִיךְ בִּין גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, דָאס הָאט מִיר מַמָּשׁ גֶעטוֹישְׁט דָאס לֶעבְן צוּם גוּטְן אִין אַלֶע הִינְזִיכְטְן, אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶ' מִיט יֶעדֶע דְרָשָׁה, בְּרִיוו אוּן מִיט דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, עֶס הֶעלְפְט מִיר אַזוֹיפִיל בְּגַשְׁמִיוּת וּבְרוּחָנִיוּת, עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַלֶעס אוֹיסְצוּרֶעכְעֶנֶען.

לֶעצְטְנְס הָאב אִיךְ זִיךְ גָאר שְׁטַארְק אַריינְגֶעלֵייגְט אִין אֱמוּנָה, מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט מַמָּשׁ אִין יֶעדְן בְּלַאט פוּן יֶעדְן סֵפֶר אַז אַ אִיד דַארְף אַריינְנֶעמֶען אִין זִיךְ אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלַל. אִיךְ הָאב זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַריינְגֶעלֵייגְט אִין דֶעם, בִּיז אִיךְ שְׁפִּיר מַמָּשׁ אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא, אִיךְ בִּין נִישְׁטָא, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשְׁן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין וֶועלְט, עֶס אִיז אַלֶעס נָאר דִמְיוֹנוֹת, בֶּאֱמֶת אִיז אַלֶעס נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דָאס הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט נָאךְ וַוייטֶער, צוּ שְׁפִּירְן מַמָּשׁ לְמַעְלָה מִן הַזְּמַן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין נֶעכְטְן, נִישְׁטָא קַיין מָארְגְן, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁטָא אַזָא זַאךְ וִוי צַייט וָואס רוּקְט זִיךְ, אַלֶעס אִיז דָאךְ נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דָאס וָואס מִיר שְׁפִּירְן אַז עֶס אִיז דָא צַייט אִיז נָאר אִין אוּנְזֶער דִמְיוֹן אַז עֶס אִיז דָא טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל.

אִיךְ וִויל בַּאטָאנֶען אַז אִיךְ גֵיי בָּרוּךְ הַשֵּׁם וַוייטֶער אָן אִין לֶעבְן וִוי גֶעהֶעריג, מִיט מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, מִיט מַיין פַּרְנָסָה, מִיט מַיין אִידִישְׁקֵייט אוּן עֶרְלִיכְקֵייט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אָבֶּער אִין מַיין קָאפּ שְׁפִּיר אִיךְ וִוי אִיךְ לֶעבּ מַמָּשׁ אִין אַ דִמְיוֹן, אַלֶעס אִיז דִמְיוֹנוֹת, בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁטָא קַיין מָקוֹם, נִישְׁטָא קַיין זְמַן, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז לֶעצְטְנְס הָאט מִיר דָאס אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטֶערְן אִין מֹחַ, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ פְּלִי אוּן אִיךְ לֶעבּ אִין אַ דִמְיוֹן, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג צוּ טְרַאכְטְן אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אַ בְּלוֹיזֶע דִמְיוֹן. דָאס הוֹיבְּט מִיר אָן בְּרֶענְגֶען פְּחָדִים, אַז אֶפְשָׁר וֶועט זִיךְ דֶער דִמְיוֹן אָפְּשְׁטֶעלְן אִין דִי סֶעקוּנְדֶע אוּן אִיךְ וֶועל וֶוערְן אוֹיס. אִיךְ בִּין צוּגֶעוואוֹינְט צוּ אַ 'נָארְמַאלֶע' לֶעבְּן, אַלֶעס זָאל אָנְגֵיין וִוי גֶעהֶעריג, אוּן אוֹיבּ אַלֶעס אִיז בְּלוֹיז אַ דִמְיוֹן אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְן.

אִיךְ הוֹיבּ אָן טְרַאכְטְן אַז אֶפְשָׁר אִיז בְּרֶסְלֶב טַאקֶע צוּ אַ הוֹיכֶע זַאךְ וָואס אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אֶפְשָׁר זֶענֶען דִי מַחֲשָׁבוֹת צוּ הוֹיךְ פַאר מִיר אוּן אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט פַארְנֶעמֶען? פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט ווייס אִיךְ דָאךְ אָבֶּער וִויפִיל מַתָּנוֹת אִיךְ הָאב בַּאקוּמֶען פוּן בְּרֶסְלֶב, וִוי שְׁטַארְק מַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ אַזוֹיפִיל פַארְבֶּעסֶערְט מַמָּשׁ אוֹיף יֶעדְן רִיר. אֶפְשָׁר דַארְף אִיךְ נָאר אָפְּלָאזְן דִי מַחֲשָׁבוֹת פוּן דִי גָאר שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אוֹיבּ דָאס שְׁטֶערְט מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק?

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן אוּן אוֹיסְקְלָארְן אִין דֶעם עִנְיָן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ו' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַזוֹי אִיז עֶס טַאקֶע, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַלֶעס אַלֶעס אִיז עֶר אַלֵיינְס - עֶצֶם עַצְמִיּוּת חִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ. דָאס וָואס מִיר זֶעעֶן אַ שֵׁיינֶע וֶועלְט, אַיינְגֶעטֵיילְט אִין דִי פִיר זַאכְן: דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי אוּן מְדַבֵּר - דָאס אִיז אַלֶעס אַ לְבוּשׁ, אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְץ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מִיט פְלֵיישִׁיגֶע אוֹיגְן זֶעט אוֹיס וִוי עֶס אִיז דָא אַ וֶועלְט וְכוּ' וְכוּ' אָבֶּער דָאס אִיז נָאר אַ דִמְיוֹן, אַלֶעס אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס.

דָאס לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים שֶׁבְּכָל דוֹר וְדוֹר מִיט זֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים, מֶען זָאלְן וִויסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶר אִיז אַלֶעס אוּן אַלֶעס אִיז עֶר. אִין אוּנְזֶער דוֹר הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶועןְ צוּ מוֹהֲרָא"ש וָואס הָאט אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט, אַזַא גִּלּוּי אֱלֹקוּת, אַז אֲפִילוּ מִיר פָּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן, אֲפִילוּ מִיר וָואס מִיר זֶענֶען אַזוֹי פַארְגְרֶעבְּט - זָאלְן אוֹיךְ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן שְׁפִּירְן דִי זִיסֶע טַעַם, דִי גֶעשְׁמַאקֶע טַעַם - פוּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ. אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט דַארְפְן מִיר וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל עֶס זָאל אוֹיסְזֶעעֶן וִוי עֶס אִיז דָא אַ וֶועלְט פוּן שְׁטֵיינֶער, בֵּיימֶער, חַיּוֹת אוּן מֶענְטְשְׁן, אוּן אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז, מִיר זָאלְן אוֹיפְזוּכְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע פְּלַאץ.

אוֹיךְ דַארְפְן מִיר וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן מִיר דַארְפְן זִיךְ פִירְן מִיט דִי תּוֹרָה, עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין סְתִּירָה מִיט דֶעם אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעס; יְדִיעָה אוּן בְּחִירָה גֵייט אִינְאֵיינֶעם. פוּן אֵיין זַייט אִיז פַארְהַאן יְדִיעָה - מֶען זָאל וִויסְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאבְּן מִיר אַ

בְּחִירָה צוּ אוֹיסְוֶועלְן דֶעם גוּטְן וֶועג, דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, דִי וֶועג פוּן מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

יֶעצְט וֶועסְטוּ פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן יֶעדְן טָאג זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן אוֹיךְ לֶערְנֶען הֲלָכָה; דִי צְוֵויי זַאכְן מוּז מֶען הָאבְּן אִינְאֵיינֶעם. וַוייל וֶוען מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד הֵייבְּט מֶען אָן זֶען וִוי אַלֶעס אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער, צוּבִּיסְלִיךְ זֶעט מֶען מֶער אוּן מֶער אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאן אוֹיף דִי וֶועלְט - נָאר אֵייבֶּערְשְׁטֶער; דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי אוּן מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער, קֶען מֶען אָנְהֵייבְּן טְרַאכְטְן אַז מֶען קֶען טוּן וָואס מֶען וִויל, עֶס אִיז דָאךְ סַיי וִוי אַלֶעס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן וִוי ׳אִיךְ בִּין בִּכְלַל נִישְׁט דָא, אִיךְ קֶען גָארְנִישְׁט טוּן, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶר טוּט אַלֶעס אֵיינֶער אַלֵיין׳, קֶען מֶען חַס וְשָׁלוֹם טְרַאכְטְן פוּן אוֹיפְהֶערְן טוּן דִי מִצְוֹת, דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז אַזוֹי שְׁטַארְק מַזְהִיר גֶעוֶוען מִיר זָאלְן לֶערְנֶען שֻׁלְחָן עָרוּךְ (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן כט), זִיךְ נִישְׁט אָפְּטוּן פוּן הֲלָכָה אוּן אוֹיךְ זָאלְן מִיר זִיךְ אַסַאךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, אַזוֹי וֶועלְן מִיר זַיין אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי דֶערְהַאלְט מֶען זִיךְ בִּיז מֶען בַּאקוּמְט דִי יְשׁוּעָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ רִיזִיגְן דַאנְק פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ בִּין זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק מִיט דִי אַלֶע עֵצוֹת וָואס אִיךְ בַּאקוּם דָא אִין דִי הֵיילִיגֶע פְּלַאץ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

אִיךְ הָאב אַ שְׁאֵלָה וִוי אַזוֹי מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ בִּיז מֶען בַּאקוּמְט דִי יְשׁוּעָה אוֹיף וָואס מֶען בֶּעט דֶערוֹיף אַ גַאנְצְן טָאג? עֶס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען פִילְט וִוי גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁעט. זֶעט עֶר מַיין צַעַר? ווִיאַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מְחַזֵק?

אִיךְ דַארְף נִישְׁט אוֹיסְרֶעכֶענֶען דָא דִי דֶעטַאלְן פוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ מַאךְ מִיט, עֶס

מַאכְט נִישְׁט קַיין חִילוּק אוֹיף דִי נוֹשֵׂא, אָבֶּער ווִי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט דִי הִתְבּוֹדְדוּת, אַסַאךְ מָאל פַארְלִיר אִיךְ דִי מוּט פוּן בֶּעטְן נָאכְאַמָאל, ווֶען אִיךְ זֶע ווִי זַאכְן גֵייעֶן מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער, אוּן אִיךְ בֶּעט אוּן בֶּעט אַזוֹיפִיל אוּן אִיךְ זֶע נִישְׁט דִי יְשׁוּעָה.

ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ו' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת אִין לֶעבְּן; בִּפְרַט ווֶען עֶס קוּמְט צוּ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען זֶעט נִישְׁט ווִי מֶען בַּאקוּמְט אַ יְשׁוּעָה; דַארְף מֶען הָאבְּן גָאר אַסַאךְ סַבְלָנוּת נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן, נִישְׁט ווֶערְן מְיוּאָשׁ. ווַייל חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:): "אִם רָאָה אָדָם שֶׁהִתְפַּלֵּל וְלֹא נֶעֱנֶה, יַחְזוֹר וְיִתְפַּלֵּל", אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ זַאךְ אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט זַיין יְשׁוּעָה, זָאל עֶר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים כז, יד): "קַוֵּה אֶל ה', חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ, וְקַוֵּה אֶל ה'"; מֶען דַארְף זִיךְ עַקְשְׁנְ'עֶן מִיט תְּפִלָּה, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל בִּיז מֶען זֶעט גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, ווֶען דוּ בֶּעטְסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן מִיט רַחֲמָנוּת, נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם גַנבְ'עֶנֶען מִיט כֹּחַ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצו): "אָסוּר לְאָדָם לַעֲמֹד עַצְמוֹ עַל שׁוּם דָּבָר, הַיְנוּ שֶׁאָסוּר לְהִתְעַקֵּשׁ בִּתְפִילָּתוֹ, שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יַעֲשֶׂה לוֹ דַּוְקָא אֶת בַּקָּשָׁתוֹ וְכוּ'", אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט אַיינְ'עַקְשְׁנְ'עֶן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז מִיט אִים טוּן אַזוֹי ווִי עֶר ווִיל, "רַק צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל וּלְהִתְחַנֵּן לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים, אִם יִתֵּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, יִתֵּן, וְאִם לָאו, לָאו", נָאר מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחֲמָנוּת, אַזוֹי ווִי מֶען בֶּעט זִיךְ בַּיי אֵיינֶעם עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן; אַז דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן אִיז גוּט אוּן אַז עֶר וֶועט אִים נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן - אִיז נִישְׁט, אַז מֶען נֶעמְט מִיט גֶעוַואלְד קֶען מֶען וֶוערְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת סד.): "כָּל הַדּוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה, הַשָּׁעָה דּוֹחַקְתּוֹ", וֶוער עֶס עַקְשְׁנְ'ט זִיךְ, עֶר זָאגְט 'עֶס מוּז יֶעצְט גֶעשֶׁען דָאס אוּן דָאס' - דֶער וֶועט וֶוערְן זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט אוּן צֶעבְּרָאכְן.

ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס וַוארְט אוֹיס אוֹיף זַיין יְשׁוּעָה, עֶר הָאט סַבְלָנוּת בִּיז זַיין יְשׁוּעָה קוּמְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## מַסֶּכֶת תַּעֲנִית הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ב׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה**

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶךָ אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן מַסֶּכֶת תַּעֲנִית הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל; דוּ הָאסְט גֶעטוּן דִי סְגוּלָה וָואס מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט, מֶען זָאל לֶערְנֶען אִין דִי פֶּערְצִיג טֶעג פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יֶעדְן טָאג, דִי מַסֶּכְתָּא, אַזוֹי אוֹיךְ אִין דִי פֶּערְצִיג פוּן דִי יְמֵי הַשּׁוֹבְבִי״ם יֶעדְן טָאג דִי גַאנְצֶע מַסֶּכְתָּא - דוּרְכְדֶעם וֶועט מֶען טְרֶעפְן דִי רִיכְטִיגֶע שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג דַיין שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע לִיכְטִיגֶע שְׁטוּב, עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

בִּיז דַיין שִׁידוּךְ קוּמְט אָן אוּן נָאךְ דַיין שִׁידוּךְ, דַיין גַאנְץ לֶעבְּן - זָאלְסְטוּ נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; לֶערְן שַׁ״ס כְּסִדְרָן אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל, דָאס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דִי תּוֹרָה אוּן דֶער אִיד - אִיז אֵיין זַאךְ, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אַחֲרֵי, עג.): ״קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, אוֹרַיְתָא וְיִשְׂרָאֵל חַד״; נָאר דוּרְךְ תּוֹרָה קֶען דֶער אִיד זַיין בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**אַז דַיין וַוייבּ וֵויינְט, זָאלְסְטוּ אִיר אוֹיסְהֶערְן אוּן בַּארוּאִיגְן**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ב׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוער נִישְׁט פַארְלוֹירְן וֶוען דַיין וַוייבּ וֵויינְט, גֶעבּ נָאר אַכְטוּנְג זִי זָאל נִישְׁט וֵויינֶען פוּן דִיר, דוּ זָאלְסְט אִיר נִישְׁט וֵויי טוּן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): ״לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בְּאוֹנָאַת אִשְׁתּוֹ״, מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט וֵויי טוּן דִי וַוייבּ, ״שֶׁדִּמְעָתָהּ מְצוּיָה״, וַוייל דִי נַאטוּר בַּיי פְרוֹיעֶן אִיז אַז זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר גֶעפִילִישׁ, זֵיי וֵויינֶען שְׁנֶעלֶער; זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִיר נִישְׁט וֵויי צוּ טוּן.

וֶוען זִי וֵויינְט פוּן אִיר מַאמֶע וְכוּ׳ זָאלְסְטוּ אִיר אוֹיסְהֶערְן אוּן בַּארוּאִיגְן, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אָפְּלַאכְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן. עֶס וֶועט נִישְׁט לַאנְג נֶעמֶען בִּיז אִיר וֶועט הָאבְּן קִינְדֶער אוּן אִיר וֶועט אוֹיךְ זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן; עֶלְטֶערְן מֶעגְן זָאגְן פַאר קִינְדֶער וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, נִישְׁט נָאר זֵיי מֶעגְן זָאגְן - נָאר מֶען דַארְף זָאגְן, נִישְׁט נָאר פַאר דִי חֲתוּנָה דַארְף מֶען זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער וִוי זִיךְ צוּ פִירְן נָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה דַארְף מֶען אוֹיךְ זָאגְן; עֶס אִיז נִישְׁט עֶק וֶועלְט אַז דִי עֶלְטֶערְן זָאגְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

זַיי קְלוּג, בּוֹי אִיר אוֹיף; רֶעד צוּ אִיר שֵׁיין, רֶעד צוּ אִיר וֵוייךְ, זִי זָאל שְׁפִּירְן זִיכֶער מִיט דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ פָאלְגְן טַאטֶע מַאמֶע מִיט שִׂמְחָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ד׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר הָאט סְפֶּעצִיעֶלֶע עֶלְטֶערְן, אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טַייעֶר.

עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה וֶוען מֶען פָאלְגְט דִי מַאמֶע מִיט דִי שְׁטוּב אַרְבֶּעט, מֶען הֶעלְפְט אַרוֹיס מִיט אַלֶעס וָואס זִי דַארְף; אַז עֶס אִיז אַייךְ שְׁוֶוער זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוּן טוּן דִי אַרְבֶּעט אִין שְׁטוּבּ מִיט שִׂמְחָה.

דָא הָאט אִיר אַ תְּפִלָּה אוֹיף וָואס צוּ בֶּעטְן:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיינֶע טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אִיךְ הָאבּ דִי בֶּעסְטֶע טַאטֶע אוּן דִי בֶּעסְטֶע מַאמֶע; שְׁכוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אַלֶעס וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן אוּן טוּן דַיין ווִילְן, אִיךְ זָאל פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער לִיבּ הָאבְּן צוּ הֶעלְפְן מַיינֶע עֶלְטֶערְן; וֶוען מַיין מַאמֶע בֶּעט מִיר עֶפֶּעס זָאל אִיךְ דָאס טוּן מִיט אַ שִׂמְחָה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל פָאלְגְן מַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן זֵיי בְּרֶענְגֶען נָאר נַחַת".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן אַייךְ, אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע הֲפָצָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ד׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר מֵיינְט אִיר טוּט נִישְׁט קַיין הֲפָצָה? נִישְׁטָא נָאךְ אַ תַּלְמִידָה וָואס זָאל

אַזוֹי פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וִוי אַייךְ; וַוייל וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ שֵׁיין, מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן אֵיידְל, מֶען רֶעדְט אֵיידְל, מֶען אִיז גוּט צוּ אַנְדֶערֶע אוּן מֶען פִירְט זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ עֶלְטֶערֶע - דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֲפָצָה. אַלֶע פְרֶעגְן: 'וֶוער אִיז דִי אֵיידֶעלֶע מֵיידְל? וֶוער אִיז זִי? וואוּ לֶערְנְט זִי? זִי אִיז אַזַא אֵיידֶעלֶע, אַזַא טַייעֶרֶע'; וֶוען מֶען הֶערְט אַז דִי מֵיידְל הָאט מִיט בְּרֶסְלֶב, הֵייבְּן אַלֶע אָן טְרַאכְטְן: 'מִיר וֶועלְן אוֹיךְ אַרַיינְקוּקְן אִין דִי סְפָרִים, זֶען וָואס בְּרֶסְלֶב לֶערְנְט; מִיר וֶועלְן אוֹיךְ אוֹיסְהֶערְן שִׁיעוּרִים אוּן נֶעמֶען דִי קוּנְטְרֵסִים, מִיר זֶעעֶן אַז עֶס אִיז דָא עֶפֶּעס אִין בְּרֶסְלֶב, בְּרֶסְלֶב פַארְקוֹיפְט אֵיידְלְקֵייט, רֵיינְקֵייט אוּן פְרֵיילִיכְקֵייט'.

אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן ווילְן נִישְׁט אִיר זָאלְט גֵיין הֲפָצָה, זֵי ווילְן נִישְׁט אִיר זָאלְט אוֹיסְטֵיילְן וְכוּ' - זָאלְט אִיר זֵיי אוֹיסְהֶערְן, וַוייל אִיר זֶענְט סַיי וִוי אַ גְרוֹיסֶע מֵפִיצָה; אִיר וֵוייסְט נִישְׁט וִויפִיל אוֹיגְן קוּקְן אוֹיף אַייךְ, אִיר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַלֶע אַייעֶרֶע חַבֶרְ'טֶעס, שְׁכֵנִים אוּן מִשְׁפָּחָה וְכוּ' - קוּקְן אוֹיף אַייךְ.

וֶוען מֶען רֶעדְט אַ שְׁמוּעֶס אוּן עֶס קוּמְט אוֹיס מֶען זָאל רֶעדְן פוּן אַייךְ, הֵייבְּן אַלֶע אָן רֶעדְן פוּן בְּרֶסְלֶב; אַזוֹי אִיז מִיט אַלֶע תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵּיגָא אוּן אַלֶע חֲתוּנָה גֶעהַאטֶ'ע וַוייבְּלֶעךְ וָואס גֶעהֶערְן אִין קְהִלּוֹת בְּרֶסְלֶב. וֶוען מֶען שְׁמוּעֶסְט פוּן זֵיי קוּמְט אַרַיין אָטָאמַאטִישׁ אַ שְׁמוּעֶס פוּן בְּרֶסְלֶב; אַ טֵייל הֵייבְּן אָן שְׁפֶּעטְן, אַנְדֶערֶע מַאכְן חוֹזֶק אוּן אַנְדֶערֶע טְרַאכְטְן שְׁטִילֶערְהֵייט 'מִיר דַארְפְן אַרַיין קוּקְן אִין דִי זַאךְ, זֶען וָואס בְּרֶסְלֶב גֶעבְּט פַאר מֶענְטְשְׁן אַז מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אַזוֹי צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם'.

פָאלְגְט אַייעֶר עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי אוֹיסְצוּפוּצְן פַאלְשֶׁע צֵיין אוּם שַׁבָּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ד׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

ווארויל אִיז אַייךְ אַז אִיר זֶענְט אַזוֹי שֵׁיין מְכַבֵּד אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אִיר גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אַייעֶר מַאמֶע, אִיר טוּט אַלֶעס פַאר אִיר; אִין דֶעם זְכוּת זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבַמִּצְווֹת.

בְּנוֹגֵעַ דִי שְׁאֵלָה אוֹיבּ מֶען מֶעג אוֹיסְפּוּצְן שַׁבָּת פַאלְשֶׁע צֵיין; אִיר טוּט דָאס אַ גַאנְצֶע וָואךְ פַאר אַייעֶר מַאמֶע, אִיר ווִילְט ווִיסְן אוֹיבּ שַׁבָּת מֶעג מֶען דָאס טוּן.

עֶס אִיז דָא אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען זָאל מֶעגְן אוֹיסְפִּיצְן דִי צֵיין שַׁבָּת, אָבֶער מֶען דַארְף ווִיסְן דָאס צוּ טוּן זֵייעֶר פָּארְזִיכְטִיג לוֹיט דִי הֲלָכוֹת. דִי עֶרְשְׁטֶע תְּנַאי דַארְף זַיין, עֶס מוּז זַיין אַ בַּאזוּנְדֶערֶע בַּארְשְׁט פַאר שַׁבָּת, מֶען קֶען נִישְׁט נוּצְן סְתַּם אַ בֶּערְשְׁטְל, עֶס דַארְף זַיין אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע בַּארְשְׁט פַאר שַׁבָּת, אוֹיךְ זָאל דִי בַּארְשְׁט זַיין פוּן וֵוייכֶע הָאר, פוּן פְּלַאסְטִיק. לֵייגְט אַרַיין דִי צֵיין אִין וַואסֶער, וֶוען עֶס לִיגְט אִין דִי וַואסֶער קֶען מֶען דָאס אוֹיסְפִּיצְן אוּן וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט דָאס אוֹיסְצוּפִּיצְן זָאל מֶען נִישְׁט אוֹיסְקְוֶועטְשְׁן אוּן נִישְׁט אוֹיסְרֵיינִיגְן דֶעם בֶּערְשְׁטְל.

נִישְׁטָא קַיין וֶוערְטֶער אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן קִינְדֶער וָואס הֶעלְפְן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## חַזֶר'ן הֲלָכוֹת אָן אַ שִׁיעוּר מָאל

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ד' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן טֵייעֶרער חָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר**

זֶע צוּ חַזֶר'ן דִי הֲלָכוֹת אָן אַ שִׁיעוּר מָאל.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַלֶץ נָאכְזָאגְן פוּנֶעם צַדִיק רֶבִּי אוּרִי סְטְרֶעלִיסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט גֶע'חַזֶר'ט דִי הֲלָכוֹת אִיבֶּער טוֹיזְנְט מָאל; פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְן: "אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אוּנְז, פָּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן, דַארְפְן דָאס חַזֶר'ן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל".

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט אַלֶץ זַיין מְקוּשָׁר צוּם רֶבִּי'ן, דוּ אוּן דַיינֶע דוֹרוֹת. "דְדָא בֵּיהּ כּוּלָּא בֵּיהּ", דֶער וָואס לֶעבְּט מִיט'ן צַדִיק - הָאט אַלֶעס, "וּדְלֹא דָא בֵּיהּ, מַה בֵּיהּ (נְדָרִים מא.)", דֶער וָואס לֶעבְּט נִישְׁט מִיט צַדִיקִים - הָאט גָארְנִישְׁט אִין לֶעבְּן.

זָאלְסְטוּ דֶער עִיקָר בֶּעטְן אוֹיף דֶעם; דוּ אוּן דַיין כַּלָּה אוּן דַיינֶע דוֹרוֹת זָאלְן זַיין דָבוּק צוּ אֱמֶת'ע צַדִיקִים.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## לֶערְנֶען אַ מַסֶכְתָּא הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ה' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה**

מַזָל טוֹב אַז דוּ הָאסְט מְסַיֵים גֶעוֶוען מֵאָה פְּעָמִים וְאֶחָד מַסֶכֶת תַּעֲנִית.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֲגִיגָה ט:): "אֵינוֹ דוֹמֶה שׁוֹנֶה פִּרְקוֹ מֵאָה פְּעָמִים", עֶס אִיז נִישְׁט גְלַייךְ דֶער וָואס לֶערְנְט זַיין פֶּרֶק הוּנְדֶערְט מָאל, "לְשׁוֹנֶה פִּרְקוֹ מֵאָה פְּעָמִים וְאַחַת", צוּ דֶעם וָואס לֶערְנְט זַיין פֶּרֶק הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל.

יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין אַ גַאנְצֶע מַסֶכְתָּא אִין דַיין הַאנְט - זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַ צְוֵוייטֶע מַסֶכְתָּא אוּן דָאס חַזֶר'ן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, בִּיז דוּ וֶועסְט דָאס אוֹיךְ מְסַיֵים זַיין מֵאָה פְּעָמִים וְאֶחָד.

מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו פַאר אַלֶע תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה גֶעצֵיילְטֶע שָׁעָה פַאר זַיין הִסְתַּלְקוּת, מֶען זָאל לֶערְנֶען אַ מַסֶכְתָּא הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל לְטוֹבַת נִשְׁמָתוֹ; וֶוער עֶס וֶועט דָאס טוּן וֶועט עֶר אַ טוֹבָה טוּן אוֹיבְן אִין הִימְל.

שְׁטַארְק זִיךְ; אִיךְ ווּאוּנְטְשׁ דִיר זָאלְסְט טְרֶעפְן בְּקָרוֹב וּבְנָקֵל דַיין שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל, לִיכְטִיגֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיר זֵייעֶר לִיבּ.

...

## נֶעם נָאר אַ מוֹהֵל וָואס אִיז אַ גְרוֹיסֶער מוּמְחֶה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת תְּרוּמָה, ה' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָל טוֹב! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן שֶׁתִּזְכֶּה לְהַכְנִיסוֹ בִּבְרִיתוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ בְּעִתּוֹ וּבִזְמַנּוֹ, וּלְגַדְּלוֹ לַתּוֹרָה וּלְחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען פַאר אַ מוֹהֵל דַיין פֶּעטֶער; גֶעבּ אַכְטוּנְג, נֶעם נָאר אַ מוֹהֵל וָואס אִיז אַ גְרוֹיסֶער מוּמְחֶה, מֶען קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע זַאךְ.

אִיךְ גֶעדֶענְק, אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרָא"ש בַּיי אֵיינֶע פוּן מַיינֶע זוּן וֶועם אִיךְ זָאל נֶעמֶען פַאר מוֹהֵל, וֶוער עֶס אִיז אַ צַדִיק; דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים חֵלֶק ב', סִימָן י): "צָרִיךְ לַחֲזֹר אַחַר מוֹהֵל צַדִּיק וִירֵא שָׁמַיִם", מֶען זָאל זוּכְן אַ מוֹהֵל אַ צַדִיק, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן מוֹהֲרָא"ש זָאל מִיר זָאגְן וֶוער עֶס אִיז אַן עֶרְלִיכֶער מוֹהֵל. הָאט מִיר מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט: "דֶער עִיקָר דַארְף מֶען קוּקְן וֶוער עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער מוּמְחֶה", אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער (שָׁם): "כִּי כְּשֶׁהַמּוֹהֵל אֵינוֹ טוֹב", וַוייל אוֹיבּ מֶען נֶעמְט אַ

נִישְׁט גוּטֶער מוֹהֵל, "יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁלֹּא יִהְיֶה מוֹלִיד, חַס וְשָׁלוֹם, הַנִּמּוֹל עַל יָדוֹ", קֶען זַיין אַז דֶער קִינְד וֶועט נִישְׁט קֶענֶען הָאבְּן קַיין קִינְדֶער, "גַּם עַל יְדֵי שֶׁהַמּוֹהֵל אֵינוֹ טוֹב, עַל יְדֵי זֶה בָּא הַתִּינוֹק, חַס וְשָׁלוֹם, לִידֵי חָלִי נוֹפֵל", אוֹיךְ קֶען פַּאסִירְן אַז אוֹיבּ מֶען נֶעמְט אַ נִישְׁט גוּטֶער מוֹהֵל וֶועט דֶער קִינְד בַּאקוּמֶען דִי קְרֶענְק פוּן חוֹלִי נוֹפֵל רַחֲמָנָא לִצְלָן.

לָאז נִישְׁט דַיין פֶּעטֶער זָאל זִיךְ לֶערְנֶען מוֹהֲלוֹת אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער; גֶעבּ אַכְטוּנְג עֶס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיי מֹשֶׁה חִינְקֶעס. וֶוען עֶר הָאט מְכַבֵּד גֶעוֶוען רֶבִּי נָתָן מִיט דִי מִצְוָה פוּן חִתּוּךְ אוּן זַיין שְׁוָואגֶער הָרַב ... מִיט פְּרִיעָה; דֶער רָב הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט מַאכְן דִי פְּרִיעָה אוּן דֶער קִינְד הָאט גֶעשְׁרִיגְן שְׁרֶעקְלִיכֶע קוֹלוֹת. אַבְרֶהמְ'ל פֵּייעֶס הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן, הָאט עֶר אִים אַוֶועק גֶעשְׁטוּפְּט אוּן אַלֵיינְס גֶעמַאכְט דִי פְּרִיעָה; פוּן דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי מַחֲלֹקֶה אוֹיף רֶבִּי נָתָן, יֶענֶער רָב אִיז גֶעוֶוען אַ חָסִיד פוּנֶעם ... אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי בִּיטֶערֶע מַחֲלֹקֶת.

אִיךְ וֵויס פוּן אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיבּ זֵיי זָאלְן נֶעמֶען אַ גֶעוִויסֶער מוֹהֵל וְכוּ' אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "חַס וְשָׁלוֹם; עֶר זָאל זִיךְ לֶערְנֶען מוֹהֲלוֹת אוֹיף זַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער וְכוּ'".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אִיז נָאר צוּ זֶען צוּ וֶועם דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ וֶוענְדְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ה' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; גְלֵייבּ אוּן וֵויס אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט - אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן, וֶוען אֵיינֶער

שְׁטַארְבְּט אִיז דָאס מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן. יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט פַאַרְלוֹירְן דַיין זֵיידֶע, דַיין פֶּעטֶער אוּן דַיין מוּמֶע הַשֵּׁם יְרַחֵם – זָאלְסְטוּ נִישְׁט פַאַרְלִירְן דַיין אֱמוּנָה, נָאר וַוייטֶער גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אִיז נָאר לְמַעַן הַבְּחִירָה וְהַנִּסָּיוֹן; מֶען וִויל זֶען וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט טוּן, צוּ וֶועם עֶר וֶועט זִיךְ וֶוענְדְן.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אוּנְז אִין דִי צַוָואָה (צַוָּאַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת יד) מוֹרָא'דִיגֶע וֶוערְטֶער, אִיךְ בְּרֶענְג דִיר אַרָאפּ דֶעם גַאנְצְן שְׁטִיקֶל, דָאס וֶועט אַרֵיינְבְּלָאזְן אִין דִיר אַ פְרִישֶׁע גֵייסְט, עֶס וֶועט דִיר שְׁטַארְקְן דַיין אֱמוּנָה; דוּ וֶועסְט קֶענֶען צוּרִיקְגֵיין צוּ דַיין טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן.

"מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אִיר דַארְפְט וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס יֶעדְן מֶענְטְשׁ מִיט אַנְדֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן דָאס אַלֶעס אִיז נָאר מִיטְן צִיל צוּ זֶען צוּ וֶועם דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ וֶוענְדְן וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף אִים אַ צָרָה.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ אַז אִיר זָאלְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּן קַיין שׁוּם שְׁוֶועריִקַייט וָואס גֵייט אוֹיף אַייךְ אַרִיבֶּער סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן סֵיי בְּרוּחֲנִיּוּת. אִיר זָאלְט אַייךְ פְּרוּבִּירְן צוּ הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ אוּן לוּסְטִיג דֶעם גַאנְצְן לֶעבְּן. שִׂמְחָה אִיז דֶער כְּלִי אַרָאפּ צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת. וִוי מֶער פְרֵיילִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אִיז, אַלְץ אַ גְרֶעסֶערֶע אוּן שֶׁענֶערֶע יְשׁוּעָה בְּרֶענְגְט עֶר אַרָאפּ. שִׂמְחָה בְּרֶענְגְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ הַרְחָבַת הַדַּעַת, אוּן וֶוען מֶען הָאט הַרְחָבַת הַדַּעַת קֶען מֶען מְקַבֵּל זַיין אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט, מֶען קֶען מְקַבֵּל זַיין אַלֶע רוּחְנִיּוּת'דִיגֶע אוֹרוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶערְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אוּן עֶר דֶערְהַאלְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, עֶר פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, אוּן דָאס אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים אִיז נָאר צוּ אוֹיסְלַייטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ. דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ שְׁוֶוערֶע גוּף, וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיסְלַייטֶערְן נָאר דוּרְךְ

שְׁוֶועריקַייטְן און יִסוּרִים.

דֶערִיבֶּער דַארְפְט אִיר זִיךְ פְרֵייעֶן וֶוען אִיר הָאט יִסוּרִים, חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה, ט) "טוֹב מְאֹד זוֹ מִדַּת יִסּוּרִין, שֶׁעַל יָדֶיהָ הַבְּרִיּוֹת בָּאִים לְחַיֵּי עוֹלָם הַבָּא" - דִי יִסוּרִים וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט, אִיז זֵייעֶר גוּט פַאר אִים, וַוייל דָאס בְּרֶענְגְט אִים צוּ חַיֵּי עוֹלָם הַבָּא. דֶערִיבֶּער דַארְפְט אִיר זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אִיר בַּאקוּמְט דִי יִסוּרִים וָואס וֶועט אוֹיסְלַייטֶערְן אֵייעֶר גוּף פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעקְלֶעבְּט אִין אִיר.

גֶעדֶענְקְט גוּט וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.) כָּל שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא חָפֵץ בּוֹ, מְדַכְּאוֹ בְּיִסּוּרִין. וְאִם קִבְּלוֹ בְּאַהֲבָה, יִרְאֶה זֶרַע יַאֲרִיךְ יָמִים" - וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ, שִׁיקְט עֶר אִים יִסוּרִים, און אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז עֶס מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה, וֶועט עֶר הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער און אַ לַאנְג לֶעבְּן.

מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער און תַּלְמִידִים, וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן? אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִויפִיל יִסוּרִים און עַגְמַת נֶפֶשׁ אִיךְ הָאבּ גֶעלִיטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין גוּטְן טָאג אִין מַיין לֶעבְּן, אָן קַיין גֻּזְמָא. אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג גֶעוֵוייְנְט פוּן דִי פִילֶע צַעַר און עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט פוּן אַלֶע זַייטְן, פוּן אִינֶעוֵוייְנִיג און פוּן אִינְדְרוֹיסְן. אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעטְרֵייסְט מִיט דֶעם אַז בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וֵוייס אַז אַלֶעס הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, אַלֶעס וֶוערְט גֶעפִירְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, און אִיךְ בִּין נָאר אַנְטְלָאפְן שְׁטֶענְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און נָאר דָאס הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אִיבֶּערְקוּמֶען מַיינֶע צָרוֹת און יִסוּרִים.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר אוֹיךְ טוּן דִי זֶעלְבֶּע, אִיר זָאלְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. גֶעדֶענְקְט וָואס דִי חֲזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא תֵּצֵא) "צָרִיךְ הָאָדָם לְהַחְזִיק טוֹבָה לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּזְמַן שֶׁהַיִּסּוּרִין בָּאִין עָלָיו, לָמָּה? שֶׁהַיִּסּוּרִין מוֹשְׁכִין אֶת הָאָדָם לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶר שִׁיקְט אִים יִסוּרִים. פַארְוָואס? וַוייל דִי יִסוּרִים שְׁלֶעפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְן דִי חֲזַ"ל (סִפְרֵי וָאֶתְחַנַּן) "יְהֵא אָדָם שָׂמֵחַ בְּיִסּוּרִין יוֹתֵר מִן

הַטּוֹבָה, שֶׁאִילוּ הָאָדָם בְּטוֹבָה אֵין נִמְחָל לוֹ עָווֹן שֶׁבְּיָדוֹ, וּבְיִסּוּרִין נִמְחָל לוֹ" - אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מֶער פְרֵייעֶן מִיט דִי יִסּוּרִים וָואס עֶר בַּאקוּמְט וִוי מִיט דִי גוּטְס וָואס עֶר בַּאקוּמְט, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר גוּטְס וֶועט עֶר מִיט דֶעם נִישְׁט אָפְּקוּמֶען זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶער וֶוען עֶר הָאט יִסּוּרִים וֶועט דָאס אָפְּמֶעקֶן אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

און דִי עֵצָה זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן יִסּוּרִים אִיז צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, און צוּ מְחַדֵּשׁ זַיין חִידּוּשֵׁי תּוֹרָה, דֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵּין לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן ס"ה) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט יִסּוּרִים מַאכְט עֶר זִיךְ שְׁטַארְק צוּ דִי אוֹיגְן און עֶר גֶעבְּט זִיךְ אִיְנגַאנְצְן אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אַנְטְלוֹיפְט נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ מְחַדֵּשׁ זַיין אַסַאךְ חִידּוּשֵׁי תּוֹרָה. חֲזַ"ל זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה פֶּרֶק ו׳) "אִם רָאִיתָ שֶׁיִּסּוּרִים מְמַשְׁמְשִׁין וּבָאִין עָלֶיךָ, רוּץ לְחַדְרֵי תּוֹרָה, וּמִיַּד הַיִּסּוּרִים בּוֹרְחִין מִמְּךָ" - אוֹיבּ זֶעסְטוּ אַז עֶס קוּמֶען אוֹיף דִיר יִסּוּרִים, זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, און דַאן וֶועלְן דִי יִסּוּרִים אַוֶועק גֵיין פוּן דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מַיין עֵדוּת אַז דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן יֶעדְן טָאג, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלִיטְן שְׁוֶוערֶע און בִּיטֶערֶע יִסּוּרִים בְּגַשְׁמִיּוּת און בְּרוּחָנִיּוּת, בִּין אִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעלָאפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, און פוּן דֶעם הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְחַדֵּשׁ זַיין אַזוֹיפִיל חִידּוּשֵׁי תּוֹרָה און אַזוֹיפִיל סְפָרִים.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ, מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער און תַּלְמִידִים, אִיר זָאלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּבְרָאכְן און צוּפַאלְן פוּן אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן וָואס גֵייט אוֹיף אַייךְ אַרִיבֶּער, אִיר זָאלְט נָאר אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי תּוֹרָה, אִיר זָאלְט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִיר זָאלְט מְחַדֵּשׁ זַיין חִידּוּשֵׁי תּוֹרָה, און אַזוֹי וֶועט אִיר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַלֶע עֶרְלֵיי צָרוֹת און יִסּוּרִים, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ גֶעבְּן נָאר רַחֲמִים וְחַסָדִים גְּמוּרִים".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם און זוכְן גוּטְס אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְווייטְן אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה-זָכוֹר, ז' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי וָואךְ שַׁבָּת גֵייעֶן מִיר מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן מְחִיַּת עֲמָלֵק, שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי וֶועלְן מִיר לֵיינֶען דִי פַּרְשָׁה פוּן עֲמָלֵק; עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע צַייט זוֹכֶה זַיין פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן עֲמָלֵק וָואס וַוארְפְט אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין אַלֶע טֻמְאוֹת. בַּיי עֲמָלֵק שְׁטֵייט (דְבָרִים כה, יח): "אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ", זָאגְט רַשִׁ"י: "לָשׁוֹן קֶרִי וְטֻמְאָה, שֶׁהָיָה מְטַמְאָן וְכוּ'", עֲמָלֵק וַוארְפְט אַרָאפּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין עֲבֵירוֹת, עֶר קִילְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר נֶעמְט אַוֶועק דִי יִרְאַת שָׁמַיִם. "אֲשֶׁר קָרְךָ" אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן קוֹר וָחוֹם, "צִנֶּנְךָ וְהִפְשִׁירְךָ מֵרְתִיחָתֶךָ", אָפְּקִילְן פוּן דִי הֵייסְקֵייט פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, פוּן דִי פַּחַד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין דֶעם שַׁבָּת אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דִי אַלֶע טֻמְאוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אָפְּלָאזְן דִי מַחֲלֹקֶת. עֶס אִיז זֵייעֶר וֵוייטָאגְלִיךְ צוּ זֶען וִוי דֶער שָׂטָן טַאנְצְט אַרוּם בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ וואוֹינֶען. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת מְרִיבָה, סִימָן סו): "בִּמְקוֹם מְרִיבָה שָׁם הַשָּׂטָן", דָארְט וואוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ - דָארְט אִיז דֶער שָׂטָן; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ אַזוֹי בַּאנַארִישְׁן? וִוי קֶען מֶען זַיין אַ כְּפוּי טוֹבָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אַ וַוייבּ - פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ קְרִיגְן? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת?! אִיךְ הָאבּ אַזוֹי רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר, דוּ מֵיינְסְט אַז דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן בֶּעסֶערְס וְכוּ'. דִי מַחֲשָׁבוֹת וָואס לוֹיפְן דִיר דוּרְךְ אִין גֶעדַאנְק: 'אִיךְ וֶועל זִיךְ גֶטְ'ן און אִיךְ וֶועל טְרֶעפְן בֶּעסֶערְס' - דָאס אִיז פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, דוּ וֶועסְט נִישְׁט טְרֶעפְן בֶּעסֶערְס, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט הָאבְּן בֶּעסֶערְס; דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע פַאר דִיר, זִי אִיז דִי מַאמֶע פַאר דַיינֶע קִינְדֶער. פְרֶעג זִיךְ נָאךְ בַּיי דִי וָואס הָאבְּן גֶעטוּן דֶעם נַארִישְׁקֵייט, זִיךְ גֶע'גֶט און נָאכְמָאל חֲתוּנָה גֶעהַאט - וָואס זֵיי זָאגְן יֶעצְט.

אִיךְ בֶּעט דִיר, בַּארֶעכְן זִיךְ; עֶס קוּמְט אַזַא הֵיילִיגֶע שַׁבָּת - שַׁבָּת זָכוֹר, עֶס קוּמֶען אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע טֶעג - פּוּרִים אוּן פֶּסַח; בֶּעט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ, זוּךְ אִין אִיר אִיר גוּטֶע זַאכְן, רֶעד צוּ אִיר שֵׁיין אוּן וֵוייךְ.

מוֹהֲרַ"שׁ זָאגְט, בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים הָאבְּן גֶערֶעדְט צוּ זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער שֶׁענֶער וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ קֶענִיג; מוֹהֲרַ"שׁ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן וִוי מֶען הָאט גֶעהֶערְט בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים רֶעדְן צוּ זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער אַזוֹי שֵׁיין, אַזוֹי זִיס - מִיט דֶעם וָואס דִי וַוייבֶּער זֶענֶען נִישְׁט אַלְץ גֶעוֶוען וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין; דֶער לֶעבְּן אִיז זֵיי גֶעוֶוען אַזוֹי זִיס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען דִי וָואךְ חֲתוּנָה מַאכְן מַיין זוּן; אִיךְ זֶע דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן זָאגְן: "קְלוּג בִּיסְטוּ, דוּ מַאכְסְט חֲתוּנָה דִי קִינְדֶער יוּנְג", וִוידֶערְאוּם דִי אַלֶע וָואס לֶעבְּן מֶהֵיכִי תֵּיתֵי אוּן זֵיי גֶטְ'ן זִיךְ נִישְׁט וַוייל אַנְדֶערֶע וֶועלְן זָאגְן וְכוּ', זֵייעֶר לֶעבְּן אִיז פַארְלָאשְׁן, מִיט קְרִיגֶערֵייעֶן - דִי פְרֶעגְן מִיר: "פַארְוָואס מַאכְסְטוּ חֲתוּנָה דִי קִינְדֶער יוּנְג? וָואס פֶעלְט עֶס אוֹיס? וִוי יָאגְסְטוּ זִיךְ? מַמָּשׁ אַ רַחְמָנוּת אוֹיף יוּנְגֶע קִינְדֶער!" טַאקֶע אַ רַחְמָנוּת, אַזַא לֶעבְּן וִוי דִיר אִיז אַ רַחְמָנוּת; אַ לֶעבְּן מִיט זוּכְן שְׁלֶעכְטְס אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן - אִיז אַ רַחְמָנוּת, אָבֶּער אַז מֶען לֶעבְּט מִיט שָׁלוֹם אִיז עֶס דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ.

דָאס יָאר פּוּרִים וֶועל אִיךְ זַיין אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ פוּן צְוֶועלְף אַזֵייגֶער בִּיז צְוֵויי אַזֵייגֶער; אִיךְ וֶועל נִישְׁט מַאכְן דִי סְעוּדָה אִין שְׁטוּבּ, עֶס אִיז אַבִּיסְל שְׁוֶוער פַאר מַיין וַוייבּ צוּ מַאכְן אִין שְׁטוּבּ, עֶס אִיז עֶרֶב שַׁבָּת. אִיךְ וֶועל זַיין אִין שׁוּל פַאר וֶוער עֶס וִויל גֶעבְּן מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען דֶעם בְּרִיוו, דוּ וֶועסְט עֶס לֵיינֶען אַפָּאר מָאל בִּיז דַיין הַארְץ וֶועט וֵוייךְ וֶוערְן; דוּ וֶועסְט אַהֵיים גֵיין זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן אוּן מֶער נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן זִיךְ צֶעטֵיילְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (פְּסָחִים פט:) דֶער הֵיילִיגֶער רַב פָּפָּא מִיט דֶער הֵיילִיגֶער רַב הוּנָא הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ סְעוּדָה בְּשֻׁתָּפוּת, בֵּיידֶע הָאבְּן גֶעגֶעבְּן אַ סְכוּם גֶעלְט אוּן אִינְאֵיינֶעם גֶעקוֹיפְט עֶסְן. אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה זֶעט רַב הוּנָא אַז וִוילַאנְג עֶס נֶעמְט אִים צוּ עֶסְן אֵיין בְּרוֹיט עֶסְט רַב פָּפָּא פִיר

בְּרוֹיט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר רַב פָּפָּא "לָאמִיר זִיךְ צֶעטֵיילְן הַאלְב אוֹיף הַאלְב", קוֹדֶם הָאט רַב פָּפָּא נִישְׁט גֶעוָואלְט, אָבֶער רַב הוּנָא הָאט אִים אוֹיפְגֶעוִויזְן אַז עַל פִּי הֲלָכָה מֶעג עֶר זִיךְ צֶעטֵיילְן, וַוייל רַב פָּפָּא עֶסְט מֶער פוּן וָואס עֶס גֶעהֶערְט פַאר אִים. דֶערְנָאךְ אִיז רַב הוּנָא גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעמַאכְט אַ סְעוּדָה בְּשֻׁתְּפוּת מִיט רָבִינָא, אִינְמִיטְן דִי סְעוּדָה זֶעט רַב הוּנָא אַז ווִילַאנְג עֶס נֶעמְט אִים צוּ עֶסְן אֵיין בְּרוֹיט עֶסְט רָבִינָא אַכְט בְּרוֹיט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "מֵאָה פַּפֵּי וְלֹא חֲדָא רָבִינָא", עֶס אִיז מִיר עֶנְדֶערְשׁ צוּ עֶסְן מִיט הוּנְדֶערְט רַב פָּפָּא'ס ווִי מִיט אֵיין רָבִינָא; זֶעט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז מִיט יֶענֶעם וֶועט אִים זַיין בֶּעסֶער, מִיט יֶענֶעם וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַ בֶּעסֶערֶע לֶעבְּן, אָבֶער שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען חֲרָטָה.

אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן יוֹם טוֹב פּוּרִים.

...

**פּוּרִים אִיז גְרֶעסֶער פוּן יוֹם כִּיפּוּר**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת תְּרוּמָה-זָכוֹר, ז' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד טֵייעֶרֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ שֶׁיִּחְיוּ פוּן יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקּוֹדֶשׁ**

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוַת עֲשֵׂה אוֹיסְצוּמֶעקְן עֲמָלֵק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין אוֹיסְגֶעלֵייזְט צוּ וֶוערְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵּין תַּנְחוּמָא תֵּצֵא, יא): "אֵין הַכִּסֵּא שָׁלֵם עַד שֶׁיִּמָּחֶה זַרְעוֹ שֶׁל עֲמָלֵק", אַז מֶען מֶעקְט אוֹיס עֲמָלֵק אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט; עֲמָלֵק פַארְדֶעקְט דִי אֱמוּנָה, עֲמָלֵק פַארְדֶעקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַלְץ גֶע'חַזֶר'ט מִיט אוּנְז אַז עֲמָלֵ"ק אִיז בְּגִימַטְרִיָּא סָפֵ"ק, דִי טוּמְאָה פוּן עֲמָלֵק אִיז אַרֵיינְצוּבְּרֶענְגֶען סְפֵיקוֹת אִינֶעם מֶענְטְשׁ, עֲמָלֵק בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי סְפֵיקוֹת פוּן (שְׁמוֹת יז, ז): "הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן"; מִיר דַארְפְן אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק, אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי אַלֶע סְפֵיקוֹת

וּבִלְבּוּלִים וְכוּ׳, מִיר דַארְפְן גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פּוּרִים; פּוּרִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג. אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר שְׁטֵייט (תִּיקוּן כא, נז:): ״פּוּרִים אִתְקְרִיאַת עַל שֵׁם יוֹם הַכִּפּוּרִים״, פּוּרִים אִיז גְרֶעסֶער פוּן יוֹם כִּיפּוּר; וַוייל פּוּרִים אִיז אַ צַייט וָואס מֶען מַאכְט שָׁלוֹם אֵיינֶער מִיטְ׳ן צְוֵייטְן, מֶען שִׁיקְט מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אֵיינֶער פַארְ׳ן צְוֵייטְן, מֶען גֶעבְּט צְדָקָה פַאר וֶוער עֶס בֶּעט אוּן מֶען אִיז מַרְבֶּה שִׂמְחָה - דָאס אִיז חָשׁוּבְ׳עֶר פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶער ווִי אַלְצְדִינְג.

שָׁלוֹם אִיז דֶער נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (שַׁבָּת י:), שָׁלוֹם אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ; פּוּרִים אִיז אַ צַייט וָואס מֶען בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער, מֶען מֶעקְט אוֹיס דִי קְלִיפָּה פוּן הָמָן אוּן עֲמָלֵק - פוּן מַחֲלֹקֶת. הָמָן הָאט גֶעוָואלְט מַאכְן מַחֲלֹקֶת, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ (אֶסְתֵּר ג, ח): ״יֶשְׁנוֹ עַם אֶחָד מְפֻזָּר וּמְפֹרָד״, זַיין זַאךְ אִיז מַחֲלֹקֶת, וואוּ עֶס אִיז דָא אַ מַחֲלֹקֶת אִיז עֶס פוּן הָמָן אוּן עֲמָלֵק, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת מְרִיבָה, סִימָן סו): ״בִּמְקוֹם מְרִיבָה שָׁם הַשָּׂטָן״, אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ - דָארְט אִיז דֶער שָׂטָן; ווִידֶער מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה זֵייעֶר זַאךְ אִיז (אֶסְתֵּר ד, טז): ״לֵךְ כְּנוֹס אֶת כָּל הַיְּהוּדִים״, זִיךְ צַאמְעֶנְעמֶען לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

בֶּעט אִיךְ אַייךְ טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, זֶעט עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ; גֶעדֶענְקְט, אִין שְׁטוּבּ אִיז אָסוּר וִויכּוּחִים, מִיט אַ וַוייבּ אִיז מֶען זִיךְ נִישְׁט מִתְוַכֵּחַ, מִיט אַ וַוייבּ טַעֲנָה׳ט מֶען נִישְׁט, מוֹהֲרַא״שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט: ״אַ וַוייבּ אִיז אַלְץ גֶערֶעכְט״; מֶען דַארְף זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין אוֹיף דֶעם, וַוייל דֶער יְסוֹד פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ מַחֲשָׁבָה, אוּן כְּדֵי צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ דַארְף זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ, אַז מֶען אִיז בְּשָׁלוֹם מִיט דִי וַוייבּ אִיז מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְט.

דֶערְפַאר יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט יוֹם טוֹב, עֶס טוּט זִיךְ, מֶען מַאכְט הֲכָנוֹת, מֶען גֵייט צוּ דִי עֶלְטֶערְן אוּן מֶען אִיז פַארְנוּמֶען מִיט דִי מִצְוַת הַיּוֹם קֶען אַמָאל אוֹיסְקוּמֶען מֶען זָאל פַארְגֶעסְן פוּנֶעם עִיקָר, מֶען קֶען אַרַיינְפַאלְן אִין טַעֲנָה׳רֵייעֶן אוּן קְרִיגֶערֵייעֶן, דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הַצִּילֵנוּ מִקְּלִפּוֹת הָמָן וַעֲמָלֵק, הִיט מִיר פוּן מַחֲלֹקֶת, הִיט

מִיר פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קְדוּשַׁת מָרְדְּכַי וְאֶסְתֵּר, אִיךְ זָאל דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם שְׁטֶענְדִיג שְׁפִּירְן, אִיךְ זָאל נִישְׁט מֵסִיחַ דַּעַת זַיין פוּן דִיר קַיין אֵיין רֶגַע".

אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן יוֹם טוֹב פּוּרִים.

...

## טַעֲנָה זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה-זָכוֹר, ז' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, טַעֲנָה זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ'; זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף אִיר, זִי אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג; זִי וֶוערְט צֶערִיסְן צְוִוישְׁן דִיר אוּן אִירֶע עֶלְטֶערְן. פוּן אֵיין זַייט ווִיל זִי זַיין אַ גֶעטְרֵייעֶ וַוייבּ, זִי ווִיל גֵיין מִיט דִיר, פוּן דִי צְוֵוייטֶע זַייט רֶעדְט אִיר טַאטֶע אוּן מַאמֶע צוּ אִיר כָּל דָּבָר אָסוּר אוֹיף בְּרֶסְלֶב, זִי קֶען עֶס נִישְׁט נֶעמֶען; עֶס אִיז אִיר גְרִינְגֶער צוּ שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִיר ווִי זִי זָאל זִיךְ קְרִיגְן מִיט אִירֶע עֶלְטֶערְן, זַיי שְׁרֶעקְן אִיר אָן זֵייעֶר שְׁטַארְק.

זָאג אִיר דִי וֶוערְטֶער אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל: "מַיין לֶעבְּן, מַיין חַיּוּת - אִיז פוּן דִי רֶבִּי; אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט נִישְׁט, דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ - וֶועל אִיךְ פְּרוּבִּירְן אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט ווִיסְן, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט זֶען; אִיךְ וֶועל אַלֶעס טוּן פַאר דִיר דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ", אוּן אַז זִי שְׁרֵייט וַוייטֶער זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן בְּרוֹגֶז אוֹיף אִיר. זִי אִיז נֶעבֶּעךְ אַ רַחְמָנוּת, זִי אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג. זָאג אִיבֶּער נָאכְאַמָאל: "אִיךְ בַּאקוּם לֶעבְּן פוּן דִי רֶבִּי, אַז דוּ הָאסְט מוֹרָא פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועל אִיךְ מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן; אִיךְ וֶועל אַלֶעס טוּן פַאר דִיר דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ".

וָואס זָאלְן מִיר טוּן אַז דֶער רֶבִּי אִיז אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט? וָואס קֶען מֶען טוּן אַז מֶען רֶעדְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן אַזֶעלְכֶע לְשׁוֹן הָרָע'ס, מֶען בַּאשְׁמוּצְט אוּנְז אַז מִיר

הַאלְטְן נִישְׁט דִי תּוֹרָה חַס וְשָׁלוֹם; דָאס אַלֶעס אִיז לָשׁוֹן הָרָע אוּן הוֹצָאַת שֵׁם רַע. דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי הוֹצָאַת שֵׁם רַע - דִי הָאבְּן נִישְׁט קַיין מְחִילָה, וַוייל זֵיי זֶענֶען גוֹרֵם אַז בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס דַארְפְן הִתְחַזְקוּת זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס חִיזוּק וָואלְטְן זֵיי גֶעוֶוען עֶרְלִיכֶע אִידְן, אָבֶּער נָאכְן הֶערְן אַזוֹיפִיל לָשׁוֹן הָרָע וִויל מֶען נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט בְּרֶסְלֶב, מֶען וִויל נִישְׁט דִי קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן צוּטוּן מִיט בְּרֶסְלֶב.

שְׁטַארְק זִיךְ, בַּאלְד וֶועלְן וֶוערְן פוּן אַלֶע מְנִיעוֹת - נְעִימוֹת; עֶס וֶועט דִיר זִיס וֶוערְן, דַיין וַוייבּ וֶועט דִיר הֶעלְפְן, זִי וֶועט דִיר זַיין אַן עֵזֶר פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

## דַיין וַוייבּ זָאל זַיין בַּיי דִיר נוּמֶער אֵיינְס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ט' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין "שָׁלוֹם בַּיִת".

דַיין וַוייבּ זָאל זַיין בַּיי דִיר נוּמֶער אֵיינְס; וֶוען זִי רוּפְט דִיר זָאלְסְטוּ מַאכְן צַייט אוֹיפְצוּהֵייבְּן דֶעם טֶעלֶעפָאוֹן, וֶוען זִי דַארְף גֵיין עֶרְגֶעץ זָאלְסְטוּ אִיר טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען. דוּ הָאסְט אַ טַייעֶרֶע וַוייבּ, זִי וִויל לֶעבְּן מִיט דִיר, זִי וִויל שְׁפִּירְן זִיכֶער, זִי וִויל שְׁפִּירְן וִוי דוּ לִיבְּסְט אִיר.

טַייעֶרֶער ..., אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ, אִיךְ הָאבּ דִיר אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט אִין לֶעבְּן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט פַארְפִירְט; אַז דוּ וֶועסְט וַוייטֶער פָאלְגְן וֶועסְטוּ אַלֵיינְס אַסַאךְ מַרְוִיחַ זַיין.

נֶעם אָן מַיינֶע וֶוערְטֶער.

...

## רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרַט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שִׂמְחָה; אַ פְּרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַלֶעס, אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַלֶעס, אִים אִיז גוּט אוּן אַז אִים אִיז גוּט אִיז עֶר גוּט צוּ אַנְדֶערֶע, עֶר אִיז גוּט צוּ זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; קוּמְט אוֹיס אַז דֶער עִיקָר אִיז צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ.

זַיין אַ פְּרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ הָאט מִיט זִיךְ אַלֵיינְס, עֶס הָאט נִישְׁט מִיט אַנְדֶערֶע. טְרַאכְט נִישְׁט ׳וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעהַאט אַזַא וַוייבּ - וָואלְט אִיךְ גֶעוֶוען פְּרֵיילִיךְ׳, ׳וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעוואוֹינְט דָארְט אוּן דָארְט - וָואלְט אִיךְ גֶעוֶוען גְלִיקְלִיךְ׳, אָדֶער ׳וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעהַאט דִי שֵׁיינֶע קַאר, דִי שֵׁיינֶע הוֹיז, דִי פַּאלַאץ - וָואלְט אַלֶעס גוּט גֶעוֶוען׳; עֶס הֵייבְּט זִיךְ נִישְׁט אָן אוּן עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס. וֶוען דוּ וָואלְסְט וֶוען גֶעהַאט אַזַא וַוייבּ, מִיט אַזַא הוֹיז, מִיט אַזַא קַאר - וָואלְסְטוּ גֶעוֶוען דֶערְבִּיטֶערְט אַזוֹי וִוי יֶעצְט; דִי אַלֶע זַאכְן מַאכְן נִישְׁט פְּרֵיילִיךְ, פְּרֵיילִיךְ הָאט מִיט זִיךְ אַלֵיינְס, דֶער וָואס אַנֶערְקֶענְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע אָטֶעם, אוֹיף דָאס לֶעבְּן - דֶער אִיז גְלִיקְלִיךְ, דֶער אִיז צוּפְרִידְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, טוּ אִיר נִישְׁט וֵויי; מֶען טָאר נִישְׁט וֵויי טוּן אַ וַוייבּ. אוֹיבּ מֶען טוּט וֵויי דִי וַוייבּ בַּאקוּמְט מֶען אַ גְרוֹיסֶע שְׁטְרָאף, מֶען כַאפְּט בִּיטֶערֶע קְלֶעפּ פַאר׳ן וֵויי טוּן דִי וַוייבּ.

אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, רֶעד שֵׁיין צוּ אִיר, גֶעבּ אִיר אִירֶע גֶעבְּרוֹיכְן, וָואס זִי דַארְף זָאלְסְטוּ אִיר גֶעבְּן, אוּן אַז זִי דַארְף מֶער פוּן וִויפִּיל דוּ הָאסְט - זָאלְסְטוּ אִיר מְפַיֵּיס זַיין, זָאג אִיר: ״אִיךְ וֶועל דִיר אַלֶעס גֶעבְּן, אִיךְ גֵיי בְּרֶענְגֶען גֶעלְט אוּן דִיר גֶעבְּן וָואס דוּ וִוילְסְט״.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט מִיר פָאלְגְן, וֶועט דִיר גוּט זַיין.

...

### תִּיקּוּן הַכְּלָלִי מֶעקְט אָפּ דִי עֲבֵירָה

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ תִּיקּוּן אוֹיף מִקְרֶה לַיְלָה אִיז צוּ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים - טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קמא), דֶער וָואס זָאגְט דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי מֶעקְט אָפּ דִי עֲבֵירָה.

אַז דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין מִקְרֶה לַיְלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן זָאלְסְטוּ גֵיין אִין מִקְוֶה אוּן גְלַייךְ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ; מִיט דֶעם וֶועסְטוּ אַלֶעס אָפְּמֶעקְן.

גֵיי אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אוּן דִיר מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, דוּ זָאלְסְט גָארְנִישְׁט וֶועלְן, נָאר זַיין נָאנְט צוּ אִים.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין, בֶּעט אִים פַּאר אַ שִׁידוּךְ, זָאג: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, מַה פִּשְׁעִי וּמַה חָטָאתִי, וָואס בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן? אִיךְ בִּין אַ פְּלַג גוּף, אִיךְ ווִיל שׁוֹין הַיינְט חֲתוּנָה הָאבְּן, הֶעלְף מִיר, פַארְגֶעבּ מִיר אוּן פַארְצֵיי מִיר״.

זֶע צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וֶועסְטוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן דִי עֲבֵירָה.

...

### אַ תַּקָּנָה אַז מֶען דַארְף הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

דַיין וַוייבּ תְּחְיֶ׳ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן ווִי שֵׁיין דוּ פִירְסְט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ; דוּ

בִּיסְט זֵייעֶר גֶעטְרֵיי.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ פִירְסְט זִיךְ וִוי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אִין שְׁטֶעטְל הָאבְּן מִיר גֶעמַאכְט אַ תַּקָּנָה אַז מֶען דַארְף הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען קֶען נִישְׁט וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל אוֹיבּ מֶען קְרִיגְט זִיךְ.

דִי תַקָּנָה אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס הָאט גֶעזָאגְט: "וִוי וַוייגְט זִיךְ צוּ קוּמֶען צוּ מִיר אֵיינֶער מִיט שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען?!" דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט זַיין בַּיים טִישׁ מִיט דֶעם אִיד וָואס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט שָׁלוֹם בַּיִת; אִין שְׁטֶעטְל פִירְט דֶער רֶבִּי טִישׁ, אַלֶע זִיצְן מִיר בַּיים רֶבִּינְ'ס טִישׁ, דַארְפְן מִיר זִיצְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, מִיט שָׁלוֹם בַּיִת.

דַיין וַוייבּ פְרֶעגְט אוֹיבּ זִי זָאל דְרֵייוְון; זָאג אִיר זִי זָאל זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי אִיר מַאמֶע, זִי זָאל נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן קַיין רִיר. אַזוֹי וֶועלְן עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פוּן עֶנְקֶער וֶועג, זֵיי וֶועלְן אַייךְ בְּרֶענְגֶען נָאר נַחַת.

זֶע צוּ טוּן חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע, דוּרְךְ חֶסֶד הֶעלְפְט מֶען בּוֹיעֶן דִי שְׁטֶעטְל, עוֹלָם חֶסֶד יִבָּנֶה.

...

**אוֹיבּ אִיר שְׁפִּירְט אַז אִיר דַארְפְט גֵיין צוּ טֶערֶעפִּי, קֶענְט אִיר גֵיין**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אוֹיבּ אִיר שְׁפִּירְט אַז אִיר דַארְפְט גֵיין צוּ טֶערֶעפִּי, אִיר זֶענְט אִיבֶּערְצֵייגְט אִין דֶעם אַז דָאס וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן - קֶענְט אִיר גֵיין.

אִיךְ בִּין נִישְׁט דֶערְקֶעגְן, אִיךְ זָאג נָאר דֶער פַּאקְט אַז דָאס אִיז אַ מַיִם שֶׁאֵין לָהֶם סוֹף, מֶען קְרִיכְט אִין טֶערֶעפִּי אַזוֹי וִוי אַ בְּלִינְדֶער טַאפְּט אִין דִי פִינְסְטֶערְנִישׁ. בִּשְׁעַת מֶען גֵייט וְכוּ', מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס וְכוּ' - שְׁפִּירְט מֶען זִיךְ גוּט, וַוייל וֶוען מֶען גֶעבְּט אַרוֹיס וֵוייטָאג וָואס אִיז בַּאגְרָאבְּן אִינֶעם

מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט מֶען גְלַייךְ בֶּעסֶער, אָבֶער נָאכְן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן - בְּלַייבְּט עֶס אִינֶעם מֶענְטְשׁ; דֶער מֶענְטְשׁ מוּז זִיךְ אַלֵיינְס שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

פְּרוּבִּירְט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה; בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אַייךְ דִי אַלֶע וֵוייטָאג, דֶערְצֵיילְט אִים אוֹיף אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ אַלֶע וֵוייטָאג פוּן אַלְס קִינְד, פוּן אַייעֶר מַאמֶע; ווִי זִי הָאט אַייךְ זֵייעֶר גֶעקְלַאפְּט, אַייךְ גֶעמַאכְט שְׁפִּירְן ווִי אַ שְׁטִיק מִיסְט. וֶועט אִיר זֶען מִיט דִי צַייט וֶועט אִיר שְׁפִּירְן גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק מִיט פְרִישֶׁע כֹּחוֹת.

...

## מֶען טוּט טוֹבוֹת פַאר יֶעדְן, נָאר נִישְׁט פַאר דִי אֵייגֶענֶע מִשְׁפָּחָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה**

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר וַוייל דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְן, בֶּאֱמֶת דַארְף אִיךְ דָאס שְׁרַייבְּן פַאר אִינְגֶעלַייט.

נָאךְ דַיין חֲתוּנָה וֶוען דַיין וַוייבּ וֶועט דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אִיר טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען מִיט דַיין קַאר, זָאלְסְטוּ אִיר חַס וְשָׁלוֹם זָאגְן: ״אִיךְ בִּין נִישְׁט דַיין קַאר סֶערְוִויס״; דָאס טוּט זֵייעֶר וֵויי פַאר אַ וַוייבּ, וֶוען אִיר מַאן רֶעדְט צוּ אִיר אַזוֹי מִיט שְׁפָּאט. דוּ זָאלְסְט אִיר טְרָאגְן אוּן בְּרֶענְגֶען, אִיר הֶעלְפְן מִיט דַיין גַאנְצֶע הַארְץ.

אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אָדֶער דוּ בִּיסְט נִישְׁט דֶערְבֵּיי, אִיז דָא גֶענוּג וֶועגְן ווִי אַזוֹי זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן, אָבֶער חַס וְשָׁלוֹם טְשֶׁעפֶּען אוּן זָאגְן: ״אִיךְ בִּין נִישְׁט דַיין בַּעַל עֲגָלָה״.

עֶס טוּט מִיר וֵויי צוּ הֶערְן פוּן מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֵיי טוּעֶן טוֹבוֹת פַאר אַלֶעמֶען; מֶען טְרָאגְט, מֶען בְּרֶענְגְט - בִּיז דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ, וֶוען זִי ווִיל אַ טוֹבָה הָאט מֶען נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד, מֶען מַאכְט שְׁפַּאס אוּן שְׁפָּאט.

אִיךְ זָאג דִיר עֶס יֶעצְט, אִיךְ הָאף עֶס וֶועט נִישְׁט אוֹיסְפֶּעלְן דִיר דָאס צוּ זָאגְן נָאכְמָאל נָאךְ דַיין חֲתוּנָה.

...

## דֶער וָואס הָאט שָׁלוֹם בַּיִת, אִיז אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיר מְחַזֵּק זַיין אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת; דוּ וֵוייסְט דָאךְ ווִי שְׁטַארְק מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט אוּנְז הֵייסְן מִיר זָאלְן הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת.

מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט אַזוֹיפִיל רֶעדְן פוּן דֶער זַאךְ, אַז דָאס אִיז אַן עִיקָּר פוּן אַלֶע עִקָּרִים; וַוייל דֶער וָואס הָאט שָׁלוֹם בַּיִת, דֶער וָואס אִיז צוּפְרִידְן אִין שְׁטוּב - דֶער אִיז אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם הָאט נִישְׁט קַיין שְׁלִיטָה וֶוען מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם.

בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ..., לֵייג אַלֶעס אוֹיף דִי זַייט, אַבִּי עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם. דַיין וַוייבּ זָאל זַיין בַּיי דִיר נוּמֶער אֵיינְס אוּן זִי זָאל שְׁפִּירְן ווִי זִי אִיז נוּמֶער אֵיינְס, אַזוֹי ווִי דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן פִירְן זִיךְ, זֵיי פִירְן זִיךְ אִין שְׁטוּב מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט פַארְפִירְט בִּיז יֶעצְט, אִיךְ ווִיל דִיר וַוייטֶער הֶעלְפְן.

...

## נִישְׁט זוּכְן חֶסְרוֹנוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, י׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט בַּאקוּמֶען אַ רֵיינֶעם מַאן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט פוּן קַיין שְׁלֶעכְטְס, עֶר הָאט רֵיינֶע אוֹיגְן, עֶר אִיז צוּפְרִידְן מִיט אַייךְ ווִי אַזוֹי אִיר זֶענְט, אִיר דַארְפְט זִיךְ נִישְׁט מַאכְן פַאר אִים ווִי אַ וְכוּ׳.

עֶר דַארְף נִישְׁט דִי אַלֶע זַאכְן וְכוּ׳, בַּיי אִים אִיז שֵׁיין וָואס אִיז טַאקֶע שֵׁיין, בַּיי אִים אִיז צִיעֶדִיג וָואס אִיז עֶכְט צִיעֶדִיג, נִישְׁט וָואס אִיז צִיעֶדִיג בַּיי דִי גוֹיִם.

אַייעֶרֶע לִיפְּן זָאלְן נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט אַן עֶרְלִיכֶער מַאן. זוּכְט נִישְׁט אוֹיף אִים חֶסְרוֹנוֹת; אַז אִיר וֶועט זוּכְן אוֹיף אִים חֶסְרוֹנוֹת וֶועט עֶר זוּכְן אוֹיף אַייךְ חֶסְרוֹנוֹת, עֶר אִיז לִיכְטִיג אוּן טֵייעֶר צוּזַאמֶען מִיט אַייךְ.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פְּאֵר קִינְדֶער

## רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, רַאטֶעוֶועְ מִיר פוּן הָמָן!

"אוֹטְשׁ...!" "אוֹי וֵויי...!" "עֶר הַאקְט מִיר...!" "עֶר שְׁלָאגְט מִיר...!"

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְץ תַּעֲנִית אֶסְתֵּר: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, רַאטֶעוֶועְ מִיר פוּן הָמָן אוּן עֲמָלֵק!" עֶר הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֲמָלֵק שְׁטֵייט אוּן שְׁלָאגְט אִים מִיט אַ שְׁטֶעקְן.



״אוֹי וֵויי...! אוֹי וֵויי...! עֶר שְׁלָאגְט מִיר...!״

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט, וֶוער עֶס וֶועט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דְרַייסִיג טֶעג פַארְ׳ן יוֹם טוֹב פּוּרִים: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, רַאטֶעוֶוע מִיר פוּן הָמָן אוּן עֲמָלֵק, רַאטֶעוֶוע מִיר פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע; הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד״, וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים וֶוען מֶען וֶועט לֵיינֶען דִי הֵיילִיגֶע מְגִילָה,

וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה אוּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר אַלֶע שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶע אִיד; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, רַאטֶעוֶוע מִיר פוּן הָמָן אוּן עֲמָלֵק, רַאטֶעוֶוע מִיר פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס וִויל מִיר הַרְגְ'עֶנֶען, עֶר וִויל מִיר צוּנֶעמֶען דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט, עֶר וִויל מִיר אוֹיסְרַייסְן פוּן דִי קְדוּשָּׁה; הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן, אִיךְ זָאל פָאלְגְן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, אִיךְ זָאל זַיין מְקוּשָּׁר צוּ מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק".

**חשוב'ע טייערע קינדער שיחיו!**

**די קומענדיגע גורל וועט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף פארקומען זונטאג פרשת ויקרא, ראש חודש ניסן, דעם טאג וואס דער הייליגער רבי איז געבוירן געווארן.**

**געדענקט, מיט יעדע מעסידזש וואס מען שיקט אריין גייט מען נאכאמאל אריין אינעם גורל!**

**כאפטס אריין!**

דער געווינער וועט קענען אויסוועלן איינע פון די פאלגנדע זאכן:

- עצתו אמונה אויף פאסט פריי פון אפצאל פאר זעקס חדשים
- איינע פון די חלקים עצתו אמונה אריינגעשריבן די נאמען דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א

- ווערן דערמאנט ביים ציון פון מוהרא״ש זצ״ל אין יבנאל

**די נומער וואו מען קען דערווייל לאזן מעסידזשעס איז:**

718-387-2691 – אפציע 6, די קינדער וואס לערנען אין די היכל הקודש ברסלב תלמוד תורה קענען דאס איבערגעבן פאר זייער מלמד שליט״א, אדער קען מען דאס שיקן אויף פאסט צום אדרעסס:

Keren Hadfusa of Breslev 27 Skillman Street Brooklyn NY 11205

אזוי אויך קען דאס ווערן געשיקט דורך די עלטערן צום אימעיל אדרעסס: info@kerenhadfusa.org

א חלק פון די הערליכע מעסידזשעס וואס די חשוב׳ע קינדער האבן אריינגעשיקט:

**״איך האב זיך ארויסגעלערנט פון עצתו אמונה פאר קינדער, אז אפילו ווען ס׳ווערט עפעס נישט גוט דארף מען ווייטער זיין פרייליך״.**

משה יאקאבאוויטש, צפת

**״איך האב זיך ארויסגעלערנט פון עצתו אמונה פאר קינדער, די מעשה פון ר׳ אהרן קובליטשער, אז מען זאל אייביג קוקן אויף די גוטס און נישט אויף די שלעכטס״**

אלי׳ לאנדא, תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב, וויליאמסבורג, כתה ט׳ - הר״ר יחזקאל סאמעט שליט״א

**״איך האב זיך געלערנט אז ס׳איז זייער גוט צו גיין צו א ציון פון א צדיק, אפילו ווען ס׳שנייט, און איך האף אז דער אייבערשטער וועט העלפן מיר ווען האבן די זכי׳ צו גיין צום ציון פון הייליגן רבי׳ן אין אומאן״**

אליעזר שלמה׳לע בלום, כתה ב׳, בית שמש

בס"ד

# קול ברסלב האטליין אפדעיטס, זונטאג תרומה-דינסטאג תצוה תשפ"א

דרוקט (1) פאר אידיש, און דערנאך:

## אפדעיטס און נייעס

## חיזוק יומי • נייע שיעורים

◄ 1 חיזוק יומי פון ראש ישיבה שליט"א

- דו הייבסט הענט? דו קענסט נישט חתונה האבן!
- ער האט געהאקט אין טיר...!
- שעפעלע, ס'איז נישט קיין לייב און ס'איז נישט קיין בער... איינער שטייט אונטער דעם!!
- דער זעלבער שוואגער וואס בלינקט זיך מיט די אויג... אבער פורים איז אן אנדערע מעשה!
- ער געבט איין קוויטשקע, און זי ווייסט שוין אלעס!
- דיין רבי זעט מסוף העולם ועד סופו...! דו זעסט מסוף העולם ועד סופו...! אבער וואס זעסטו?

◄ 2 חיזוק יומי פון מוהרא"ש זי"ע

◄ 3 נייסטע שיעור פאר בחורים

◄ 4 נייסטע שיעור פאר אינגעלייט

◄ 5 נייסטע שיעור אין בבלי

◄ 6 נייעסטע שיעור אין ירושלמי

◄ 7 קאראנע אפטיילונג

◀ 9 עֵנִינא דיומא **פורים אפטיילונג**

◀◀ 7

5 – א אונטערגעהערטע שמועס צווישן צוויי חברותות

6 – א סעסיע ביים טערעפיסט

## שיעורים פון ראש ישיבה שליט"א (ביים סוף פון די וועכנטליכע מפתח איז דא ליסטע פון שיעורים פון די פארגאנגענע יארן)

◀ 1 טעגליכע דרשות

◀◀ 7

◀◀◀ 1

94 - שיעור פון זונטאג תרומה: וואוילע חברים

95 - מאנטאג תרומה: א שמועס מיט די קינדער פון כתה ד' אין תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב ליבערטי

96 - דינסטאג תרומה: סיום משניות פון הילד נחמן נתן יאקאבאוויטש

97 - שיעור פון דינסטאג תרומה: חתונה מאכן מיט א רואיגקייט

98 - שיעור פון דאנערשטאג תרומה: אויסמעקן עמלק

99 - מוצאי שבת קודש פרשת תרומה-זכור, דרשה ביי די שבע ברכות פון החתן ר' אלחנן חיים ראטה שליט"א

100 - שיעור פון זונטאג תצוה: שלום בית

101 - שיעור פון מאנטאג תצוה: ארור המן

◀ 2 וועכענטליכע דרשות

◄ 3 מועדים וזמנים

◄ 4 חינוך שיעורים

◄ 5 שו"ת און בריוו

◄ 6 שולחן ערוך

◄ 7 גמרא בבלי

◄◄ 4

85 - פסחים דף פה, ביים סוף: עטליכע ווערטער פאר מלמדים

86 - פסחים דף פו, ביים סוף: קשיות אויף צדיקים

87 - פסחים דף פז, ביים סוף: אמונה און תפלה

88 - פסחים דף פח, ביים סוף: חיזוק פאר מלמדים, בפרט פאר פורים

89 - פסחים דף פט, ביים סוף: אנטלויפן צו די הייליגע תורה

90 - פסחים דף צ, ביים סוף: איבער די חתונה

91 - פסחים דף צא

92 - פסחים דף צב

◄ 8 שיעורי נ"ך

◄◄ 5

מיטצוהאלטן די שיעור אין נ"ך, לויט די סדר פון צוויי פרקים ליום, וואו מען האלט יעצט אין ספר מלאכים, קען מען דרוקן נומער 5 און אויסוועלן די קאפיטל וואס מען וויל הערן.

מגילת אסתר קען מען הערן פארגעלערנט ביי די פורים אפטיילונג, נומער 1, 9 פון די מעין מעניו און דערנאך נומער 1.

◄ 9 גמרא ירושלמי

- פרישע שיעורים צוגעלייגט

◄ 10 חיזוק קאלס

◄ 11 משנה תורה להרמב"ם

- פרישע שיעורים צוגעלייגט

## שיעורים פון מוהרא"ש זי"ע

◄ 1 בראשית

◄ 2 שמות

◄ 3 ויקרא

◄ 4 במדבר

◄ 5 דברים

◄ 6 מועדים וזמנים

◄ 7 פארשידענע דרשת

◄ 8 ליקוטי מוהר"ן

◄ 9 שמועסן פון פריערדיגע יארן

## מלמדים שטיבל • אנדערע שיעורים

◄ 1 שיעורים פון הרב יצחק לעזער שליט"א

◄ 2 מלמדים שטיבל • שיעורי חינוך • אינטערוויוס

◀◀ ① מלמדים שטיבל

\- פרישע שמועסן

◀◀ ② חינוך שמועסן פון די גמרא שיעורים פון ר״י

◀◀ ③ חינוך שיעורים פון ראש ישיבה שליט״א

74 - א דרשה פאר מחנכות פון זונטאג פרשת תרומה, תשפ״א

◀◀ ④ חינוך שיעורים אין ת״ת היכל הקודש וומ״ס

◀◀ ⑤ אינטערוויוס מיט מלמדים און מחנכים

## היכל ניגנה

◀ ⓿ אלע ניגונים שאפל רענדאם

◀ ❶ ווארימע ניגונים

◀ ❷ גראמען

◀ ❸ לעבעדיגע ניגונים

◀ ❹ נוסח

◀ ❺ סינגלס

◀ ❻ ניגונים אן מוזיק לימי הספירה

## שיעורים מיטצוזאגן

◀ ❶ משניות

◀ ❷ תהילים • תיקון הכללי • תפילת הדרך • פרשת המן

◀ 3 חומש

◀ 4 **ב**בלי, **י**רושלמי, **ת**וספתא **נצחי**

◀ 5 ליקוטי מוהר"ן

## פאמיליע ווינקל

◀ 1 מעשיות פון תפלה

- פרישע שמועסן

◀ 2 סיפורי מעשיות

◀ 3 סיפורי צדיקים

◀ 4 הפצה בליצן

- פרישע שמועסן

◀ 5 אינטערוויוס

107 - א שמועס מיט ר' דוד יעקב יאקאבאוויטש פון יבנאל, איבער מוהרא"ש'ס ציון, הפצה און נאך

108 - א שמועס מיט ר' שמואל מרדכי יאקאבאוויטש פון צפת, איבער די חבורות פון צפת און טבריי און איבער די הפצה וואס דארט קומט פאר

109 - א שמועס מיט ר' שלמה יאקאבאוויטש פונעם בית התבשיל איבער אן אינטערעסאנטע עפיזאד וואס האט זיך אפגעשפילט

◀ 6 15 מינוטיגע לאנטש ברעיק שמועסן

29 – פרשת תרומה תשפ"א: איבער די שמחת החתונה ביים ראש ישיבה שליט"א

◀ 7 שיחת חברים

## נדבות • אנווייזונגען • הוקאפ • מערכת

◀ 1 נדבות

◀ 2 אנווייזונגען וויאזוי צו נוצן דעם האטליין

◀ 3 וויאזוי צו באקומען די חיזוק יומי און די שיעורים

◀ 4 די טעלעפאן נומערן פון קול ברסלב אין אנדערע לענדער

◀ 5 לייוו הוקאפ

◀ 9 צו לאזן א מעסעדזש פאר'ן מערכת

שיעורים און דרשות פון דער ראש ישיבה שליט״א פון די פארגאנגענע יארן

~דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א און דערנאך 1 פאר טעגליכע דרשות~

2, 36: ה׳ תשא תשע״ו - וואס מיינט דער שבת פאר מיר

3, 72: ג׳ תשא תשע״ז - ביסט נישט בעל הבית
3, 73: ד׳ תשא תשע״ז - איבערגייעכצער
3, 74: ה׳ תשא תשע״ז - א שיינע לעבן

4, 76: א׳ תצוה תשע״ח - מחיית עמלק
4, 77: ב׳ תצוה תשע״ח - וואס מאכט פרייליך
4, 78: ג׳ תצוה תשע״ח - המן און עמלק
4, 79: ה׳ תצוה תשע״ח - תמחה את זכר עמלק
***4, 80: ב׳ תשא תשע״ח - שלום מאכן פורים**
***4, 81: ג׳ תשא תשע״ח - ס׳איז פורים אויף דער וועלט**

5, 81: א׳ תצוה תשע״ט - ברסלב איז נישט פאר דיר
5, 82: ב׳ תצוה תשע״ט - אויבער חכם
5, 83: ג׳ תצוה תשע״ט - א האניגדיג לעבן
5, 84: ה׳ תצוה תשע״ט - חסדי ה׳
5, 85: א׳ תשא תשע״ט - פאר'תמ'ט
5, 86: ב׳ תשא תשע״ט - תמימות ופשיטות
5, 87: ג׳ תשא תשע״ט - אזוי נידריג געפאלן

5, 88: ג' תשא תשע"ט בקרית יואל - זיך טיילן מיט יענעם
5, 89: ד' תשא תשע"ט - נערוון
5, 90: ה' תשא תשע"ט - מאך שוין אפ
5, 94: ה' תשא תשע"ט - סיום מס' ברכות הילד שמעון ראטה נרו יאיר
**5, 99*: ד' ויקרא תשע"ט - תמחה את זכר עמלק**
**5, 100*: ה' ויקרא תשע"ט - פרייליך נאר מיט אמונה**
**5, 101*: ב' צו תשע"ט - א פרייליכן פורים**
**5, 102*: מוצאי שבת קודש צו תשע"ט - סעודת שושן פורים**

6, 87: א' תצוה תש"פ - איך וויל זיין גוט
**6, 88*: ב' תצוה תש"פ - ס'קומט שוין פורים**
6, 89: ה' תצוה תש"פ - סיום מסכת ברכות
**6, 90*: ה' תצוה תש"פ - טייערע משלוח מנות**
6, 91: א' תשא תש"פ בקרית ברסלב, ליבערטי - סיום מסכת ברכות
6, 92: מוצאי שבת קודש פרשת תצוה תש"פ בבארא פארק - סיום מסכת ברכות
**6, 93*: שושן פורים תש"פ**
6, 94: ה' תשא תש"פ – קאראנע ווייראס

**שיעורים פאר אינגעלייט:**
~דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א און דערנאך 2 פאר וועכנטליכע דרשות~

1, 1: ב' תצוה תשע"ה - שלום בית

**2, 13*: ב' תצוה תשע"ז - אכטונג געבן אום פורים**

**3, 18*: ב' תשא תשע"ח - וואו איז פרייליך פורים?**

**4, 20*: ה' ויקרא תשע"ט - שבת זכור**
4, 17: ה' תשא תשע"ט - שלום צווישן אידן

**5, 19*: ה' תצוה תש"פ - פורים מאכט מען שלום**